# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


ניינטער יאָרגאנג נו. 6 | העפט 101 | יוני 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


1 אין טאָג ווען די אַלטע מויער פון ירושלים איז געוואָרן דורכגעבראָכן ........................ **
7 מיניאַטור-בילדער פון ניי־ירושלים...... אפרים טויבענהויז
11 ווין נישט מאמע...(ליד) ......... דוב ווארשאַווסקי
12 דער יונגער דוד (סקולפטור) .......... מאַקס סאָקאָל
13 אין דער איצטיקער שעה ........ ד"ר יעקב י. מייטלים
14 אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאַגער (מאָנאָלאָגן) .. לעאָ קעניג
17 פאַר דער כותל־מערבי (באַלאַדע) ......... א. נ. שטענצל
20 מייסטערהאַפטע נאַכט (פון סעריע דערלעבענישן) .... משה עובד
23 צו דער זון (אָדע) ..................... יוסף הלל לעווי
28 דער סופּרייז (אַן עפּיזאָד) ................ קיטי בראון
32 מחבר פון „לכה דודי" (די צפת'ער מקובלים) ........ ש. ערנסט
36 די יידישע טעמע אין נאַרקי'ס שאַפן .... א. שומסקי ג. לעווין
41 לעאָ קעניג'ס בוך (רעצענזיע) ........ יהושע פּאַדרוזשניק
45 ד"ר מארק דוואָרושעצקי'ס בוך (רעצענזיע) .... ש. י. דאַרפזאָן
47 דאָס בוך אין ארץ ישראל .............. יעקב פערנבאַך
51 צו משה עובד'ס סקולפּטור־אויסשטעלונג ................ ש.
52 דער נעפיניקטער פיניקער (סקולפּטור) .......... משה עובד
53 דער לויפנדער הערש (מנורה) ............... משה עובד
54 אין אנגסטפולע שעהן (צייט-ליד) ............. ש. זאַלקין
55 די גאַליציאַנער „אינוואַזיע" (דיסקוסיע) .... אליהו פּאַלושאַק
58 יצחק שרייער ז"ל (נעקראָלאָג) ......... שלמה אויערבאַך
60 נאָך באַגריסונגען צום הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן" ........
63 קולטור ידיעות פון דאָ ...........................
64 מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ..........


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**


אבאָנענטס־פּרייז:—13/6 פאַר א יאָר;
אין אויסלאַנד:—3 דאָלאַר א יאָר
1/3 פאַר א פּראָבע נומער

אדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א. 1.



„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, גאָלדין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען געווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אָלדגייט, א. 1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראַטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
ווענן אַלע אייגנצלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראַל־סעקרעטאַר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש.



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## א הארציקן מזל-טוב צו אונזערע ליבע קינסטלער

צום געבורט פון דעם ערשטן טעכטערל

**חנה** (צעלניקער) **פיל בערענשטיין**

ווינטשן מיר איר זאָלט דערלעבן פיל נחת

**פריינט פון יידיש לשון**
און **לשון און לעבן**

דעם גרויסן יידישן אַקטיאָר

**מאיר צעלניקער** און זיין ליבע **פרוי**

צו זייער ערשטן אייניקל

א הארציקן מזל־טוב

**פריינט פון יידיש לשון**
און **לשון און לעבן**

## דער פאלמע נאכמיטאג

פאַר דעם 11טן יולי 2.30 ווערט צו געגרייט א ליטעראַרישער קינסט־לערישער „נאָכמיטאָג" מיט מוזיק, געזאַנג און רעציטאַציע, אין „רודאָלף־סטיינער האָל" פארק רויד, קעגנאיבער בייקער סטריט סטיישאָן, וועסט־ענד.

דאָס ניי-דערשינענע בוך

**א דור פון בראשית**

פון באַקאַנטן שרייבער אין פוילן

(יעצט אין די קעמפּס)

**ש. בערלינסקי**

צו באַקומען ביי

„פריינט פון יידיש לשון" — 7/6

### געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע שוואָגער יודעל און קינדער, גאַלרין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך גע־הערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען גע־ווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

## די בארימטע שוישפילערין דינה האלפערין

## קומט 20-טן יוני נאך לאנדאן אין אלעקסאנדער טעאטער



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.6 **העפט 101** יוני 1948 לאָנדאָן


## אין טאג ווען די אלטע מויער פון ירושלים איז געוואָרן דורכגעבראכן

י

טויזנט געראַנקען רייסן זיך און טויזנט געפילן, אויף זיידנסטן און דינסטן ריטם זיי נישט אויפצוצילעווען; אַז נאָר שנאה, וואָס מ'וויל דורכאויס פאַרדעקן, און אָפּענער צער, וואָס צערייסט, וואָס פאַרפּלאָנטערט און פאַרדריוולט יעדעס פאַרבינדנדיקע וואָרט.

זיבן שנירלעך פּערל, יעדער פּערל אויסגעווייטיקט אין ביטערן פּיין פון שבעה מדורי ניהנום, אָנצוטון אויפן האַלדז פון דער כנסת־ישראל אין טאָג פון איר שמחה — — רייסן זיי זיך די שנירלעך און די פּערל שיטן זיך און מיט אויגן, טרערן איבערלאָפּענע, נישט זיי צונויפצוזוכן און נישט זיי צונויפינען — — —

עס איז א גרויסער יום טוב־טאָג, א חתונה־שמחה, א טאָג פון יובל־פרייד, די קאַפּעליע שטייט אַרום צום אויפשפּילן דעם וויוואַט פאַר חתן כלה, פאַר מחותנים, און פּלוצלונג פאָרן נאָר אָן עגלות מיט טויטע און הרוגים — — די אָנגעפאָרענע געסט, ברידער און שוועסטער, זיינען געפאַלן פון מערדער און רוצחים.

אָבער איז עס נישט א בפירושע משנה: „מעבירים את המת מלפני הכלה"! אָ, ווי שווער עס איז, אַז איין גאַט מעג זיך שוין דערבאַרעמען.

ווי נישט נעזעלשאַפטלעך א ליטעראַרישער זשורנאַל זאָל נישט זיין, און אַפיציעל מלוכה'ש שוין אודאי נישט! אָבער דאָך א יידישער קאַבינעט, א מיניסטעריום, א פּרעזידענט, א פּרעמיער; מ'מוז זיי פאָרשטעלן, א רעווערענץ מאַכן פאַר זיי מאַכן; זאָל עס זיין צומאָל אויף ברחנישן אופן — —

ס'איז נישט קיין קלייניקייט ביי א פאָלק נאָך 2000 יאָר נע־ונד, נאָך נאַצי-אויוונס און קרעמאַטאָריומס. אַזוינס צו דערלעבן! און דאָ אַרבעט א בייזער כעס אין דיר, א מאוסע שנאה צו יענע נידריקע ברואים, וואָס קאָנען ממש דאָס נישט פאַרגינען — —

און דו זיצט אינם לאַנד פונם „שונא", א „שונא" וואָס דו ביזט אים נישט געוואַקסן! יעדער וואָס קומט דיר אַנטקעגן „מיט בליקן פאַרהוילן". „א שער לאַק האַלטס טשאַטנדיק אויף די ראָגן" — — —

גיי שטעל זיך ארויף אויפן בענקל און הייב אן מיט דיין גראם! גיי זאג ארוים דעם גאנצן אפענעם אמת, וואס די פייגל פון די דעכער פייפן אים שוין, וואס א קינד אין גאס זעט אים שוין — — — און שרייט דיר נאך „דושו".

אבער וואס העלפט אלץ קעגן חוצפה, קעגן ביטרע, קעגן חניפה, קעגן די קללה המשולשת, וואס ווערט נאך אזוי עזותדיק־צניעותדיק־צביעותדיק אויס־געהילכט מיט טויזנט הויך־רעדעם? א חויז צו קענען זיין, צו קענען ווערן נאך א גרעסערער אכזר.

און מיינט דאס טאקע אפשר מלכות? און פארט זיך אזוינס מיט ישראל? „ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא" — —

און דארטן גייט דערוויל אן די מלחמת־מצוה! און יונגע מענטשן, די בעסטע אונזערע, פאלן; און דאס אויפגעבויטע, מיט שוויים און מיט בלוט פון ארעמע יידישע גראשנס, ווערט צעשטערט — —

וואלט איך דעם אפענעם צער אין מיר נאר געקענט פארדעקן. ס'איז דאך סוף כל סוף א שמחה!!! אפילו דאס פאלן, ווי העלדן, ווי גבורים! — מוז דאך ביי אזא פאלק ווי מיר, — געוווינט נאר צו ווערן געטרעטן און דערנידריקט, — גערעכנט ווערן ווי א שמחה — —

און איז דען אויך יעצט דער זיג אונזערער נישט א געזיכערטער? אדער שפילט אמעריקע אויך מיט אונז א שפיל פארן טייפל? בלאפט מען יעצט דארט אזוי אומבאהאלפן און אפן ווי מ'האט געבאלפערט?

אלץ איז מעגלעך? אבער אוממעגלעך איז עס דאך, אז דער 5,000,000 יידישער ישוב אין אמעריקע, מיט די דערפארונגען שוין פון די לעצטע 30 יאר, זאל אויך מיטהעלפן פאראטן ווי די ענגלישע יהודים האבן עס האלב־מיטגעהאלפן.

דער אמעריקאנער יידישער ישוב איז דאך אונזער המשך, דער כריתת־הברית־קניפ אונזערער צווישן אונזערע 6,000,000 פארטיליקטע, געקוילעטע, פארגאזטע און פארברענטע, און די 600,000 וואס שטייען אצינד אין פייער פון מלחמה, פאר אונזער ווייטערן קיום; דאס אמעריקאנער יורנטום איז דאך אצינד דער שמידנדיקער רינג פון אונזער צעריסענער גאלדענער קייט.

דער נצחון איז דאך זיכער, דאס אמעריקאנישע יורנטום, לכל הפחות, קאן דאך אונז נישט פאראטן — — ביי אזעלכע קדושים פון איין זייט און ביי אזעלכע העלדן פון דער אנדערער — — —

דער נצחון איז דאך זיכער, ווארים אויב די פעלקער, — וואס ווילן סוף כל סוף פרידלעך און פריינדלעך לעבן צווישן זיך! — וועלן צולאזן דעם פאנאטישן, צי אפשר גאר בייזוויליקן אכזר, אין טאג פון אונזער פרייה, אונז אזוי נידריק, אויסנארן און אפלאכן, וועלן זיי דאך אליין נאר בלייבן די אויסגענארטע און אויסגעלאכטע — פון מענטש און פון גאט!

א, איך קאן מיין צער נישט פארדעקן און די פארדעקטע שנאה רייסט זיך אין מיר אזוי אפן — — —



## II

זאל דא מיר דערלויבט זיין א פערזענלעכער מלחמה־עפיזאד, מיט וועלכן איך וועל אפשר דאך קענען עפעס פארבינדן, און דעם טרויער אין מיר מיט א זוניק שמייכעלע, א ביסל זינגדיק אויסלייטערן, און אויפקלערן....

פאר זיבן יאר צוריק, בשעתן לאנדאנער בליץ, — און בעיקר ווייטשעפל! — קומט אריינצוגיין א דאמע אין דער ווייטשעפעלער ביבליאטעק און פאר־לאנגט, אז עמעצער פון די לייענער זאל מיט קומען מיט איר אין דער קאנטין פון דער „רעמילישאן־ארבעטער און ווארדנס", בכדי, צו העלפן דארטן וואשן די טעלער בשעת און נאך די מאלצייטן.

קיין סך לייענער זיינען דעמלט אין דער ביבליאטעק נישט געווען און די ביבליאטעקארין קוקט אויף מיר מיט א פאר יידישע רחמנות־אויגן: למען השם, איך זאל ראטעווען די סיטואציע, און באשיצן דעם יידישן נאמען, דעם נאמען פונם יידישן דיסטריקט, און איך זאל מיך „מעלדן פרייוויליג".

וואס טוט נישט, אפילו דער שוואכסטער ייד, בכדי צו ראטעווען, בכדי צו באשיצן דעם יידישן נאמען „להסיר חרפת עמו". וואס די פעלקער האלטן אין איין פארשמוצן, און בכלל ס'איז נישט נאר געווען א פארנעמע דאמע וואס טוט פרייוויליקע „סאישל־ווערק" — נאר אן אמת ענגלישע לעידי. —

איך שטרעק אויס א האנט, א שוואכע יידישע האנט און זאג צו דער ביבליאטעקארין: איך קען נישט קיין ענגליש, אבער וואשן טעלער וועל איך מסתמא קענען. און אזוי בין איך געווארן דער הויפט טעלער־וואשער. — נישט נאר דער איינציקער ייד, נאר איינציק מענלעך־וועזן אין דער „קאסייטי" פון די 30-40 ענגלישע לעידעס אין דער איסט ענדער „רעמאלישאן־אינ־סטרוקציע".

דאס האט געדויערט איבער א יאר ביז די דייטשע עראפלאנען האבן „געכאפט" אונזער קאנטין, פון וועלכער „לארד הא־הא" האט געהאלטן אין איין בילן און דערמאנען די גאסן וואו די „רעמאלישאן־שולע" שטייט און באמבערס האבן זי געהאלטן אין איין באזשומען.

איך האב באקומען דעמלט דרך ארץ פאר דער ענגלישער פרוי! און זיי גלויב איך אויך, פאר א יידישן פאעט (די ביבליאטעקארין אין איר יידישן שטאלץ, האט עס זיי מיטגעגעבן אין נדן...): אז ארום דיר ברענט די ארבעט פון א 30-40 דאמען און איבער דיר זשומען דייטשע עראפלאנען, וואס זוכן דיך, ווערט מען אויך א ברען א „ספיטפייער" — ווי א געבוירענער נענער בין איך געשטאנען און געוואשן די טעלער (מיינע מלחמה־לידער דעמלט, וועלכע זיינען געווען מוטיקע און אין זיך זיכערע, האבן זיכער געהאט צו טון מיט דעם, וואס כ'האב געפילט, אז כ'ארבעט מיר אוים אן עקזיסטענץ א זיכערקייט, איך ווער א גוטער פראפעסיאנעלער טעלער־וואשער — מיט יעדן טאג, א בעסערער, ממש א מייסטער אין פאך. און ווי נעמוטיקט און גע־זיכערט אין מיר, כ'וואלט געווען, ווען כ'שטיי יעצט אין ירושלים באטש ווי א טעלער־וואשער.)

איך וואָלט זיכער נעווען באַקומען אַ מעראַל, און אפשר גאָר נאָך פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַרן קעניג; עס האָט שוין ממש געהאַלטן דערביי, אַז סקאָטיש לײדי האָט גאָר מרעיש עולמות געווען! נאָר ווי זאָגט דאָס שפּריך־וואָרט: דער נעגער האָט זיין אַרבעט געטון דער נעגער מעג גיין... אָבער דער אמת פון דער זאַך איז, אַז טעלער וואַשן, איז טאַקע ווייניק בכדי צו באַקומען אַ מעראַל — מען מוז כאָטש טון אַזאַ העלדן טאַט כאָטש ווי פאַראַן! מ׳מוז דאָך אויך זיין ערלעך און נישט באַלד ביי יעדער קלייניקייט שרייען פלשתים עליך ישראל: אַנטיסעמיטיזם, אַנטיסעמיטיזם....

אָבער, אַז עס איז געקומען דאָס ערגסטע, און מיר זיינען געזעסן אַלע צוזאַמענגעטוליעט, — מאַכט נישט אויס וואָס איך, אַ וויטשעפּעלער בחור און זיי לײדיס, פון הויכע פענסטער, וואָס זוכן מעראַלן. (עס איז דעמאָלט נאָך געווען פאַר סטאַלינגראַד און אפילו נאָך איידער סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַריין אין דער מלחמה.) און איינע אַ ציטערדיקע דאַמע קוקט צו מיר אַרויף מיט דערשראָקענע בליקן: מיר האָבן פאַרלוירן וואָס? און אַ צווייטע גאַנץ נאָענט און גאַנץ שטיל, אין אויער אַריין: וואָס זאָגסטו? עס איז שוין פאַרפאַלן... די דייטשן....

איך האָב מיר געמאַכט מוט (ווי לייכטער קאָנען דאָס, און דווקא בשעת גרויסער סכנה.) וואָס האָט איר מורא, אויפהענגען וועט מען דאָך מיך, נישט אייך... איר זייט דאָך „אַריער" (עס איז נישט געווען אין גאַנצן אירגעניש פון מיין זייט, און זיי אין זייער זייט. אויף אַן אמת, זיינען טאַקע געוואָרן אַביסל באַרואיקטער)....

עס איז שטיל געוואָרן, מיר זיינען געזעסן ווי אין שווייצנדיקן בינען־שטאָק ,איבער אונזערע קעפּ האָבן געזשומעט גאַנצע בינען־שוואַרמען — די באָמבעס האָבן זיך ממש געשאָטן! מיר האָבן זיך געפילט זיכערער, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט אונזערס באַקומען — און אויפן זעלבן אָרט און אין זעלבן „עיר־רייד" נאָך איין „דירעקט־היט" איז שוין שלא כדרך הטבע!

עס איז געווען געמיטלעך שטיל, (אָבער אויף ענגליש...) און איך האָב מיך געפילט אַביסל נישט גאַנץ גערעכט: מיין צוגעוואָרפן וואָרט „אַריער" איז געווען ווי אַ מין „דירעקט-היט" — עס האָט זיי געטראָפן!! און האָב געוואָלט גוט-מאַכן, אויף אַן אמת, און האָב אָנגעהויבן:

קוקט דאָך אָן דעם מאַרשאַל גערינג און קוקט אָן אונזער ווינסטאָן טשערטשיל (ער איז דעמאָלט געווען אונזער אַלעמענס!) יענער איז דאָך, — מיט זיין גאַנצן אויפגעבלאָזענעם גרויסן בויך! — אַ דייטשער דאָגל קייגן אַן ענגלישן בולדאָג. די ברוטאַליטעט וואָס טשערטשיל קאָן פאַרמאָגן אין איין פינגער האָט דאָך יענער נישט אין זיין גאַנץ לייב און לעבן — —

זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען, מיט מיין זייער שלעכטן ענגליש; און זיי זיינען געווען זיכער, אַז ענגלאַנד וועט געווינען, זיי זיינען מיר געווען דאַנקבאַר פאַר דעם איבערצייגנדיקן און לעבעדיקן אמת; זיי האָבן די ביידע פּנימער, פון גערינג, ימח שמו און פון טשערטשיל, געהאַט פאַר זייערע אויגן



און אַ קאַראַל פון גלויביקע פרויען־שטימען האָט פאַרהילכט די חורבה:
„טהער וויל בי אָלוויים אַן ענגלאַנד" — — —

און נאָך היינט בין איך דאַנקבאַר, וואָס איך האָב מיך משתתף געווען אין דעם געזאַנג ווי אַ גלייכער שותף.

III

...און יעצט, ווען פאַר מיינע אויגן, פאַרצווייפלטע און דערשראָקענע, איך לאָז פאַרבייציען די יידישע מיניסטאָרן און וויל געפינען דעם שמץ פון ברוטאַליטעט, פון אכזריות אין זייערע פּנימער און קאָן נישט געפינען —

זעלבסטפאַרשטענדלעך זאָל דאָס זיין אַ יידישלעכער קאָמפּלימענט פאַר אונזער פּראָוויזאָריש געשאַפענעם מיניסטאָרן־קאַבינעט! דאָס פּראָפּעסאָריש־ווייצמאַנישע גייסטיק צעאַרבעטע פּנים, ווי גלותדיק־גייסטלעך עס זעט דאָס יעצט אויס; און דער צעבײלטער בן־גוריון שטערן — כאָטש קרני־אור פון אים אַרויסצווואַקסן! אַ חוץ אפשר אַ ניצוץ דערפון צוגעפינען אינם חריפישן בליק פון רבי פישמאַן, ווען עס ווערט אָנגעצונדן מיט קנאת ד׳ צבאות.

און באמת איז דען יעצט דער מאָמענט פאַר יענעם אידעאַלן מאָטאָ פון „לא בחיל ולא בכוח", אַ חוץ, אַז דעם „כי אם ברוח" וועט מען בייבליש אויס־טייטשן: מיט חניפה, מיט חוצפה, מיט צביעותדיקן חוזק—מיט פּאָליטיק!...

דאָס ברוטאַלע פּנים פון אַ געוויסן בריטישן קאַבינעט־מיניסטער שטייט מיר פאַר די אויגן, בשעת שעפּטשנדיק און בענטשנדיק דאָס אויף דער הייסער מינוט געשאַפענער יידישער מיניסטער־קאַבינעט און באין ברירה, מעסט איך מיט מיינע פאַרצווייפלדיקע זוכנדיקע בליקן מנחם בעגין׳ס פּנים שטריכן, כ׳נישטער דאָס אכזריותדיקע אין זיינע אויגן, אונטער זיינע שפּאַקולן — —

איר דאַמען ענגלישע, — נאָר פאַר אייך האָב איך מיך אפשר צו ענטשולדיקן, אַריינפאַלנדיק אין אייער קאַראַל: „טהער וויל אָלוויים בי אַן ענגלאַנד", — איר וועט מיך גוט פאַרשטיין: ווי מיר דאָ, דעמלט פאַר זיבן יאָר צוריק, זיצן יעצט דאָרטן שוואַכערע פון אונז און מיט פיל ווייניקער הילף, און איך זוך אין מיין טוליענדיק האַרץ צו זיי, אַ טרייסט-וואָרט, אַ זיכערקייט — — —

איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס אין און אין מיין שרעק און אין מיין צער זוך איך צומאָל. — — —

צום טיוול אַליין וואָלט איך מיך פאַרקויפט, ווען איך קאָן דאָרטן די פרויען און די קינדער טוליענדיקע און ציטערדיקע אין די חורבות, צו וואַרפן אַ זיכערקייט, אַ טרייסט וואָרט — —

און סוף כל סוף שעפּטשן מיינע ציטערדיקע ליפּן תפילהדיק און פשוט „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח אמר ד׳ צבאות".

מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט! און דאָס איז תמיד געווען אונזער כוח!! מיר זאָלן נאָר זוכה זיין מיטצורייסן די וועלט מיט דעם כוח, מיט פּראָסט־פּשוטן כוח, דעם נישט גייסטרייכן פאַרביסענעם נאָר פשוטן ערלעכן: „כי אם ברוח אמר ד׳"

אַז מען קומט צו אַ מסוכנער מסקנה, אַז דאָס וואָס אַ טייל פעלקער האָבן מיט חדשים צוריק מסכים געווען פאַר אַ יידישן שטאַט, איז עס נישט געווען מחמת דאָס יידישע פאָלק מפיים צו זיין און פאַרגיטיקן, — ווי מיר האָבן נאַאיוו געגלויבט! — פאַר דעם וואָס ס'איז געטון אין אייראָפּע; זייער מחילה בעטן ביי די 6000000 מיליאָן אויסגעקוילעטע און פאַרטיליקטע יידן — ניבער איז דאָס אומגליק אַזוי ברוטאַל און אכזריותדיק ווי ס'איז געווען, געשען מיטן באַוואוסטזיין פון אַלע פעלקער: צו שפּעט האָבן זיי זיך ארומגעזען מיטן „פן ירבה". אַז זיי זאָלן אונז נאָך קאָנען פאַרשקלאַפּן און פייניקן אין שקלאַפן־געטאָס ווי אַמאָל אין מצרים, האָבן זיי עס געטון פלינק און געשיקט מיט נאַציישע לייב־קנעכט... (והא ראיה ווי מען באַצאָלט זיי דאָס די ליבע רייטשן פאַר זייער גוט שטיקל אַרבעט...) אָבער זיך באַפרייען, אַז מען האָט אונז דאָך נישט געקאָנט אין גאַנצן אויסקוילען און אויסטיליקן, האָבן זיי געמאַכט אַצינד דאָס ביטערדיקע שפּיל — און מ'שפּילט שוין גאַנץ אָפן!

אויף לעצטע שארית הפליטה, פון גאַז־אויוונס פון קרעמאַטאָריומס, האָבן זיי אַזיאַטישע אונבאַהאָלפענע פעלקער ווי די הינט אויפגערייצט; מיט בייטשן און געפייפערײ אויף אונז געהעצט, אין די חורבות פון ירושלים אונז ביים לעבעדיקן לייב צו פאַרציקן, אין די וואַסער־לאָזע האַלב־טראָפּישע שטעט, גליאיקן שטאַבל־דראָט אַריינצוטרייבן — דאָס רעשטל צו ליקווידירן!

וואָרים אויב נישט אַזוי, טאָ פאַרוואָס לאָזט די יונאָ צו דאָס ברוטאַלע בלוטיקע שפּיל אין ארץ ישראל? ווי די גערמאַנישע דייטשן האָבן סלאַווישע שבטים געהעצט זיי מיטצוהעלפן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום חרוב צו מאַכן און אויסראָטן, אויף אַן ענלעכן מער דיפּלאָמאַטישן אופן ווילן יעצט אַנגלאָ־זאַקסישע בריטן, מיט דער מיטהילף פון אומבאַהאָלפענע אַראַבישע שבטים, חרוב מאַכן דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

אַ, אַז מען קומט צו אַזאַ ביטערע און פינסטערע החלטה, אַז מ'שטייט אַזוי שוין דעם מגועלדיקן לעבן פנים אל פנים, הויבט מען שוין אויף דעם קאָפּ, ווי מען איז און וואו מ'שטייט. ווי אין גאַז־קאַמער, ווי אין קרעמאַטאָר־יום! ווי נישט איין ייד האָט אויפגעהויבן דאָרט דעם קאָפּ צו גאָט כביכול, אליין שוין.

אַ, די שולדיקע, וועלן זיך לייכט אַרומוואַשן זייערע הענט פון זייער בלוטיקע טאַט איצט! זיי וועלן עס אָבער מוזן טון מיט יענע וויף וואָס זיי האָבן זיך שוין געלאָזן אויפפּאַקן פון זייערע נאַצי־לייב־קנעכט... און זיי וועלן בלייבן שמוציק און מוקצה'דיק אויף אייביק.

ל"ד בעומר תש"ח

פ.ס.—אַזויפיל פלענער איז פון דער מדינה דאָ אַרויסגעגאַנגען בנוגע „פּאַלעסטינע". זאָל צו זייער לעצטן פלאַן, וואָס איז ביים שליסן דעם היינטיקן נומער „לשון און לעבן" אָנגענומען געוואָרן ביי דער „יונאָ". זאָל צוגע־לייגט ווערן נאָך איין פּאַראַגראַף, ממני הקטן! נישט די אַגענץ, נישט דער



יידישער מיניסטער־קאַבינעט, נישט צומאָל די פאַרטרעטער פון דער יידישער רעליגיע וועלן מסתמא מסכים זיין מיט מיר... וואָרים וואָס למשל קענען די ערשטע טון אַז נאָכן ערשטן אויגוסט, ווען דאָס ענגלישע מיליטער נאָר נאָך נאָר ניט ארויסגיין, ווי זיי האַלטן אין איין שרייען, נאָר וועלן גאָר נאָך צושיקן אַ פּאָר הונדערט טויזנט סאָלדאַטן,—צי ס'וועט זיך זיי גלוסטן אַ נייע „חלוקה־דרבנן"?—זיי וועלן זיי רופן צום „ונתנה־תוקף"? ! און וואָס קאָנען כדומה, למשל, אונזערע רעליגיעזע פירער טאָן, אַז מען וועט זיי איצט נאָך צולייגן אַ נייעם גאָט אַצינד אין ירושלים. — מאַלע וואָס מ'קאָן אַלץ מאַכן! — אַ נאָמס זון האָבן זיי שוין דאָרט, אַלאָ'ס נביא אויך, וועלן זיי מאַכן נאָך אַ—איך וויל ניט לעסטערן! איך וויל ניט בלאַספימירן! הונדערטער מיליאָנען מענטשן גלויבן דאָך, ווערן נעטרייסט, ווערן באַרואיקט — — איך וויל נאָר צולייגן איין פּאַראַגראַף: אַז אין ירושלים, אין דער הייליקער יידישער אַלט־שטאָט, זאָל זיך נאָכן ערשטן אויגוסט, נישט באַווייזן קיין ענגליש רעליגיעזע שומרים צו באַהיטן די קריסטלעכע הייליקייטן (זאָלן זיי עס איבערגעבן די בעלגיער... זיי זיינען אויך גוטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן!) עס איז נישט „פעיר", אַז די אויסגעבראַכענע פענסטער פון די חורבות פון יהודה החסיד זאָלן נאָך די פּאָליטיש־רעליגיעזע צבועקעס מוזן אָנקוקן — קיין גערעכטיקייט קען אַזאַ שוואַך פאָלק ווי מיר נישט פאָדערן פון דער יונאָ. (אַ חוץ אַז ווער וועט זיך שוין מיט אַן אמת איינשטעלן פאַר אונז, מיט אַ וואָטום...) — אָבער אַביסעלע טאַקט, על כל פנים.

---

**אפרים טויבענהויז** (הדר הכרמל, חיפה)

## מיניאַטור־בילדלעך פון ניי־ירושלים
## פון יענער זייט מויער

עס ווערט געפירט אַ שווערער קאַמף אין די נאָמען פון ירושלים מען זעט אַלץ כהדר די קאַראַוואַנען פון אויטאָמאָבילן וואָס גייען אין שורות־וויז אַרויס פון יענער זייט מויער. ווילט זיך מיר פונאַנדערוויקלען אַ דער־ציילונג פון מיין זיידן ר' מאיר'ל טויבענהויז פון אַמאָליקע יאָרן, מיט וואָ־סערע 50 יאָר צוריק, ווי אַזוי ס'האָט זיך דעמאָלט אויסגעפורעמט דער ער־שטער נייער קוואַרטאַל אין ניי־ירושלים.

אַ טרוקענער, ברענענדיקער כאַמסין־ווינט האָט זיך געטראָגן פון די אַרומיקע בערג איבער דער הייליקער שטאָט ירושלים, — עס האָט געאָטעמט מיט'ן ערשטן פרילינג.

די טעג זענען געווען אָנהויב ניסן. אַלץ האָט געבליט און געציטערט. די ירושלימער בערג האָבן זיך געגעפּלט אין אויפגעקומענעם באַגינען. מאיר'ל

האָט מיט וואונדער זיך צוגעקוקט צום אַרום. ירושלים וואָס איז איינגעשלייערט געווען מיט אַזוי פיל סודות האָט אים געבישופט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַליין מיטן סוד אין האַרצן — זיין טרוים איז געווען דורכצוברעכן דעם מויער פון אַלט־שטאָט. נישט איינמאָל האָט ער דעם פאַרבאָרגענעם געדאַנק אַרויסגעברענגט פאַר דעם רב פון באַסלאָוויטש. ביי וועמען ער האָט געלערנט תורה אין דער ישיבה.

מאיר׳ל האָט מיטגעשפּאַנט נאָך זיין רבין, וועלכער האָט פּאַמעלעך געריטן אויף אַ קליין אייזעלע. זיי האָבן אין באַגינען זיך געאיילט צו תפלת שחרית. עס האָט זיך פאַרביינגעטראָגן אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט.

— לאָמיר, חלילה, נישט פאַרשפּעטיקן דעם דאַווענען — האָט דער רב זיך געערגערט.

מאיר׳ל איז מיטן גאַנצן האַרצן געווען צוגעבונדן צו זיין רבין, דעם ראש־ישיבה פון „עץ חיים“, וועלכער האָט פאַר זיינע תלמידים געלערנט שיעורים אין הלכה און אגדה. אַז דער באַסלעוויטשער רב פלעגט לערנען האָבן זיך געצונדן פאַרבאָרגענע פייערן, די תלמידים זענען באַהעלט געוואָרן מיט סודותדיקע ליכטער. קערנדלעך פון אמת פלעגט דער רבי פאַר זיי אַנטפּלעקן. די מאמרי חז״ל וואָס ער פלעגט פון דער גמרא אַרויסברענגען — זענען פאַר זיי געווען ווי פענצטערלעך וואו מ׳האָט געזען די אייביקייט. מאיר׳ל טויבענהויז געדענקט נאָך פון אַמאָלט, ווען דער באַסלעוויטשער רב האָט פאַר זיי געלערנט דעם שיעור איבער חלומות פון דער גמרא ברכות, אין דף נ״ה, ווען ער איז צוגעקומען צום מאמר פון די חז״ל: „אין חלום בלי דברים בטלים“ — און פאַרן מענטשלעכן אויג אַנטפּלעקט זיך אַלץ וואָס דאָס האַרץ דענקט פון דעם, אָדער: „כל החלומות הולכים אחרי הפה“. דער רבי האָט אויף דעם געזאָגט: יעדער חלום פאַרמאָגט אין זיך אַ קערנדל פון דערוואַכטער ווירקלעכקייט. דער מענטש איז געקנעטן פון דעם זעלבן טייג וואָס אַ חלום ווערט באַשאַפן.

מאיר האָט נאָכגעשפּאַנט נאָך זיין רבין אויפן אייזעלע און געטראַכט פון זיין אייגענעם טרוים — וואָס ווערט שוין אַ ווירקלעכקייט — אַט ברעכט ער דורך דעם מויער פון אַלט־שטאָט פון ירושלים. אויך זיין רבי האָט זיך באַגייסטערט פון זיין אידייע. און ער איז געווען איינער פון די ערשטע זיבן יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער נייער שכונה „נחלת־שבעה“.

עס געדענקט זיך אים די ערשטע נאַכט ווען זיי האָבן גענעכטיקט אין „נחלת־שבעה“. זיי האָבן דאַן געלערנט דעם ספר „מסלת ישרים“ פון ר׳ משה חיים לוצאַטו. בעת זיי האָבן אין דער לבנה־נאַכט זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין דעם נייעם נישט באַזעצטן געגנט. האָבן זיי אין דמיון געזען פאַר זיך, ווי אַזוי דער רמח״ל פלעגט אַמאָל אין דער הייליקער שטאָט ירושלים אַרומגיין. זיינע פאַרצייטיקע שמועסן וויברירן סודותדיק אין דער לופטן אַט וועט אויף די ליידיקע פּלעצער ווידער אויפגעבויט ווערן די הייליקע



שטאָט ירושלים. דאָס וויסטעניש וועט אויפגעלעבט ווערן — איז דער באַסלעוויטשער רב אַריין אין התלהבות — און מאיר׳לען האָט נישט געאַרט וואָס מענטשן וועלן פון זיי לאַכן, וואָס זיי האָבן זיך פאַרקליבן מחוץ דעם יידישן ישוב פון אַלט־שטאָט, וואו יידן לומדי־תורה פירן אַ לעבן און זיי פאַרווילט זיך נאָר באַזעצן אין „נחלת־שבעה“?

מאיר׳ל האָט ליב געהאַט דעם רבין, ווי אַן אייגענעם חבר. ער פלעגט אים באַגלייטן אויף אַלע שטעגן און פאַרשטעט פון ירושלים. — און דער עיקר האָט אים געצויגן צום רב, ווייל ער האָט אַ חוץ תורה אויך זיך איבערגעגעבן פאַר זיינע תלמידים, געווען ווי אַ חבר צו חברים, און געטיילט זיך מיט זיי אַרום געזעלשאַפטלעכע פראַגן, מיט וואָס ער האָט זיך ליב געהאַט צו באַשעפטיקן. דער באַסלעוויטשער רב איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען געווען מיט דער פראַגע פון וואַסער — וואָס דאָס איז אַזוי ערנסט געווען פאַר ירושלים — און ווי זאָגסטו מאיר׳ל? — האָט דער רב זיך געווענדעט צו זיין תלמיד — מיין מאמר אין „חבצלת“ וועט עפּעס מאַכן אַ רושם אויף די נדבן־לייט? — און פאַרוואָס זאָל טאַקע אונזער ירושלים זיין הינטערשטעליק פון אַ אָדעס, אָדער ריגאַ, דאָרט מעג מען ברענגען וואַסער פון ווייטע מרחקים?

יעדן פרימאָרגן פאַר דער תפלה פון שחרית לאָזט זיך מאיר׳ל מיט זיין רבין אויף אַ שפּאַציר צו זיין נייעם וואוין־אָרט. נאָך אַביסל וועט שוין דער רבי אין גאַנצן זיך באַזעצן אין „נחלת־שבעה“. דער באַסלעוויטשער רב האָט איינגעפלאַנצט אין מאיר׳לען דעם כוח הדמיון. אַט ווערן פאַר אים אָפּגעמעקט די גרעניצן פון זיין ענגער וועלטל ביז צו די ברייטע וועלט־האָריזאָנטן. דער געטלעכער יש גיסט זיך איבער אין זעלישער האַרץ. זיינע רעיונות שפּאַרן אָן אין דער אָן־סופיקייט, צום געטלעכן קיום. דער „מורה נבוכים“ צו וועלכן ער האָט זיך לעצטנס איבערגעגעבן בלב ונפש האָט אים באַרייכערט מיט ברייטערע גייסטיקע האָריזאָנטן, עס האָט אים געצויגן צו אַ גאַנצן לעבן אין דעם איצטיקן באַגינען זעט אַלצדינג אויס, ווי אַ ניי געבוירן, יעדער פלאַנץ, יעדער פאַרלאָזטער קוסט ווערט פאַר אים אַזוי נאָנט און ניי — און אַלץ ווייזט אים אַ וועג צום עיקר, צו אייביקער אַנטפּלעקונג און מאיר׳ל איז איצט גרייט אויף אַלץ נישט באַגרייפלעכעס.

זיי האָבן אויפן מיטן וועג געטראָפן דעם מילך־ייד וואָס פלעגט צעפירן מילך ביי זיינע קונדן אין אַלט־שטאָט פון ירושלים. זיי האָבן זיך געלאָזט שוין זאַלבע דריט צו די טויערן פון אַלט־שטאָט. דער מילך־ייד לאָזט זיך איצט צום דיליזשאַנס, וואָס נעמט אויף פּאַסאַזשירן מחוץ ירושלים.

משה פייפער, דער אינהאָבער פון דיליזשאַנס, איז געזעסן אויבן אָן אויף די קאָזלעס מיט אַ בייטש אין האַנט. ער האָט דערזען דעם באַסלעוויטשער רב האָט ער מיט קוראַזש אויסגעשריגן: — אַ גוטן מאָרגן אייך, רבי!

משה פייפער האָט געהאַט צרות מיט דעם דיליזשאַנס וואָס ער האָט בשותפות מיט אַ פרענקישן ייד אַראָפּגעברענגט פון מצרים. דער דיליזשאַנס איז געוואוינט געווען צו די גלאַטע מצרישע שאָסייען. די פעלזיקע שטיינער

דיקע וועגן פון ירושלים האָבן פייפערן מיט זיינע פּאַסאַזשירן צעטראָגן די געלענקען.

— הא, רבי משה נחמיה! — האָבן נייגעריקע פּנימער אַרויסגעשטעקט פון דיליזשאַנס צום כאַסלעוויטשער רב. אַ ייד אין אַ צילינדער־חוש האָט וואַרעם באַגריסט דעם רב אויפן אייזעלע.

דער כאַסלעוויטשער רב האָט דערקענט אין פּאַסאַזשיר דעם הרב האַמבורגער, דער ברודער פון נטע צבי חלפן.

— וואוהין פאָרט איר אַזוי פרי באַגינען? האָט אים דער רב פון אייזעלע אַראָפּ אַ פרעג געטאָן.

— מען לאָזט זיך קיין יפו, איך דאַרף אָפּנעמען דעם געלט־טראַנספּאָרט פאַר ירושלים.

דער צווייטער פּאַסאַזשיר לעבן אים, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ קליין ספר'ל מיט קורזיבטיקע אויגן דאָס איז ר' ביינוש סאַלאַנט, אַ רב'ס אַ זון, דאָס פאָרט ער אויך קיין יפו צו קאָנטראָלירן דעם אתרונים־טראַנספּאָרט קיין חוץ־לאָרץ.

נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן זענען געזעסן צונויפגעדרענגט, קענטיק ממונים פון קהלות אין חוץ לאָרץ. זיי האָבן זיך געאַמפּערט אויפן קול און אַלעמאָל דערמאָנט דעם נאָמען פון ר' יהושע לייב דיסקין.

מאיר'ל מיטן רבין האָבן געזען ווי דער דיליזשאַנס דערווייטערט זיך פון זיי מיט די פּאַסאַזשירן, דאָס רוישן פון די רעדער ווערט אַלעמאָל שוואַכער. עס קומען אָן פעלאַכן פון די דערפער מיט כל ערליי גרינס אָנגעהויפט אויף די אייזעלעך.

עס קומט זיי אַנטקעגן אַ יונגערמאַן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם.

— שלום, דוד! — רופט אויס מאיר'ל מיט דערוואַכטער פרייד.

דער יונגערמאַן דוד — דאָס איז דער שפּעטער באַוואוסטער געלערנטער דוד יעלין. ביים יפוער טויער האָבן זיי זיך צעשיידט. דאָרט האָט זיך געעפנט פאַר זיי אַ נייע וועלט. איבער דער מויער פון אַלט־שטאָט איז אָנגעגאַנגען אַ טומלדיקער מאַרק. קולות פון די פאַרקויפער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געשריי פון אייזלען, געשטעלן מיט סחורות האָבן געבלענדט אין די אויגן, און יידן אין געשטרייפטע כאַלאַטן, מיט שטריימלעך אויף די קעפּ זענען געגאַנגען מיט טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס. זיי האָבן זיך געאײַלט צו שחרית אין שול אַרין. מאיר'ל האָט דערזען פון ווייטן אויפגיין אַ רויטע זון, פּונקט ווי די הימלען וואָלטן זיך געעפנט. עס האָט געפלייצט מיט אַ גרויס ליכט איבער זיין קאָפּ.



דוב וואַרשאַווסקי

אַ יאָרצייט נאָך די אומגע־
קומענע אין גלות און אין
ארץ ישראל

## ווייַן נישט מאַמע...*

וויין נישט, מאַמע, וויין נישט, צו וואָס זיך קלעמען,
מאַך שלום מיטן גורל, צו וואָס זיך דאָס לעבן נעמען.

ס'קוועלט דיר דאָס האַרץ, מאַמע, קענסט זיך נישט שטילן,
כ'האָב פאַרשאַפט דיר ליידן, אָבער נישט מיט מיין ווילן!

זיי מוחל, מוטער, זיי מוחל, פאַרגיב מיר מיין טאַט,
צום טויט געגאַנגען דיין זון, ווען האָסט געטראָגן און געהאַט...

ווייל נישט געקענט מער צוזען די יסורים פון מיינע ברידער,
אַך מיין גאָט!... ס'איז מיר שוין געוועזן דערווידער...

כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן מוטער, ס'האָט געפּלאַצט מיין געדולד,
זיי, די מערדער, זיי, טראָגן די שולד...

געדענקסט, מאַמע, געדענקסט, אונזערע פאַרנאַכטיקע געשפּרעכן,
דערמאָן זיך נאָר דערמאָן, און גוט באַרעכן.

צו שטאַרבן פאַרן פאָלק איז געווען מיין שטרעבן,
און דו מאַמע דאָן, האָסט מיר רעכט געגעבן.

געדענקסט, מאַמע, געדענקסט, ערשט צוריק מיט אַ יאָר.
מיין ביתר'ישע שבועה: „למות, או לכבוש את ההר"...

גליקליך בין איך, וואָס צו דער מדרגה געקומען,
דאָס פאָלק האָט מיין קרבן אָנגענומען.

פאָלק, מיין פאָלק, האָסט דערגרייכט אַ מדרגה,
מ'זאָל דיר שוין נישט מער זינגען, דאָס ליד פון „עיר ההרגה"...

אַ, דיינע טרערן, מאַמע, גיבן נישט אין קבר קיין רו,
דיינע אויגן פאַר געוויין, מאַמע, שליס שוין צו.

זיי שטאָלץ מוטער האָסט איצט דיין זון געפונען,
האָסט איינעם פאַרלוירן און אַ סך געוואונען....

* פונקט 10 יאָר ווערט, זינט דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן, 8 יולי 1938, אויפן קבר פון אַ העלד פון אונזערע יידן אין פּוילן; ער האָט זיך מקריב געווען כדי צו צעברעכן די מיאוסע הבלגה און צוזאַמענזוען ארץ ישראל און די יידן פון אומקום...



דער יונגער דוד   פון מאקס סאקאל

יעצט אויסגעשטעלט אין דער לאנדאנער ראיאל אקאדעמיע



ד״ר יעקב י. מייטליס

## אין דער איצטיקער שעה...

די היסטאָרישע שעה האָט געשלאָגן. אַ צוויי־טויזנט־יאָריקער חלום, אויסגעגליט אין פייער פון פיין און בענקשאַפט איז געוואָרן וואָר. פרייטיק, דעם ה׳־טן אייר איז געוואָרן פּראָקלאַמירט די מדינת ישראל.

עס איז געווען אַ לאַנגער, שווערער און וויסטער גאָלגאָטאַ־וועג מיט אַלע סימנים פון דערנידערונג און שענדונג, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געגאַנגען פאַר די לעצטע יאָרן. צוערשט איז דער ייד געוואָרן אַנט־מענטשט. מ׳האָט ביי אים צוגענומען די צורה־מענטש און דערנאָך אים געקרייציקט, צען־מאָל, הונדערט־טויזנט־מאָל, מיט אַלע מינים פון ענוים און מיתות בית־דין. עס איז געווען אַ מאַרטירעלאָגיע, וואָס איר גלייכעניש איז נישט באַקאַנט. מ׳האָט דערפירט דאָס פאָלק כמעט צום סאַמע אָפּגרונט פון זיין חיות.

אָבער דאָס פאָלק האָט ביי קיין שום אופן נישט געוואָלט אַקצעפּטירן דעם גזר־דין פון אונטערגאַנג. נישט יעצט און נישט אין די פריערדיקע, שווערע צייטן. עס האָט זיך ווייטער געראַנגלט מיט זיין האַרטן גורל, געליטן, געבלוטיקט און אויסגעהאַלטן.

יעצט איז געקומען דער טאָג, ווען אין דער יידישער וועלט האָט זיך דערהערט דער לאַנג־דערוואַרטעטער קול פון שופר, וואָס זאָגט אָן די נדחי ישראל איבער דער גאָרער וועלט, אַז עס איז געקומען די שעה פון זייער באַפרייאונג, דער טאָג פון זייער זעלבסטשטענדיקייט. דערווייל איז דאָס געווען אַ מילדער, אָן איינגעהאַלטענער חדוה־טאָן. נאָך זיינען די מכשולים גרויס, וואָס ליגן אויף אונדזער וועג, נאָך טורעמען זיך הויך אונדזערע שוועריקייטן, — מיר זיינען נאָך נישט אַריבער דעם באַרג. אָבער דער קול־שופר פון באַפרייאונג ווערט גבורה־דיקער און העכער. ער גייט פון איין עק וועלט צום אַנדערן, ער דרינגט אַריין אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יידישן לעבן און טרייסלט אויף די האַלב־שלומערנדיקע, פאַרחלש׳טע הערצער פון די נאָענטע און ווייטע, און אַן אויפברויז פון פרייד און שמחה, פון שמאָלץ און מוט גייט אַדורך די יידישע וועלט, איבער לענדער און אינדזלען, פון מזרח קיין מערב, פון דרום קיין צפון: שיבת ציון איז געוואָרן אַן אמת, די פאַר־וואָגלטע קינדער קומען ווידער אַהיים.

עס איז געקומען די שעה, אויף וועלכער דאָס פאָלק האָט דורות־לאַנג אַזוי עקשנותדיק געוואַרט. דער חלום פון אַ דערנידעריקט, באַשפּיגן, אַזוי אָפט געקרייציקט פאָלק איז געוואָרן וואָר. די וויזיע פון הערצלען פון אַן איינענער מדינה איז געוואָרן אַ רעאַליטעט.

אָבער דווקא איצט אין דער שעה פון אונדזער גרויסער פרייד און גליק טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז מדינה איז נאָר אַ פורעם, אַ לבוש, אַז פּאָליטיק איז נישט דער צוועק גופא, נאָר אַ טעכנישער מיטל פאַר דער רעאַליזאַציע פון

אונדזערע הויכע אידעאַלן. מיר שטייען ערשט אין סאַמע אָנהויב, מיר האָבן אָט ערשט געמאַכט אַן התחלה, אין אַ געמיש פון התרוממות און יסורים, פון גליק און פיין. לאָמיר טאַקע דעריבער זיין געמעסיקט אין אונדזער ענטוזיאַזם און נישט פאַרגעסן, אַז מלכות ישראל איז נישט מלכות עבר הירדן, אַז עס פאַרפליכט, עס לייגט אַרויף אויף אונדז שווערע, געוואַלטיקע התחייבות'ן לגבי זיך און לגבי דער וועלט. מיר הויבן נישט ערשט היינט אָן צו זיין אַ פאָלק. אונדזער עבר איז גרויס, אונדזער היסטאָרישע ירושה אַ מעכטיקע, אַ וואָגיקע, וואָס מיר מוזן ממשיך זיין. אַ הפסק, אַן אונטערברעכונג אין דער גאָלדענער קייט פון אונדזער יצירה טאָר נישט און קען גאָרנישט געמאָלט זיין. אין דערזעלביקער צייט מוזן מיר ווייטער שפּינען דעם גרויסן אידעאַל פון וועלט־באַפרייאונג, פון דער דערהאָבענער וויזיע פון ישעיה'ן, אַז „נישט דערהויבן וועט איין פאָלק קעגן דעם אַנדערן די שווערד, און אַז מען וועט נישט מער לערנען צו מאַכן מלחמות". ליגט אַלץ נאָך אין די הענט פון די אור־אייניקלעך פון די גרויסע נביאים דער שליסל, וואָס קענען אויפשליסן די קייטן און באַפרייען דעם געפענטעטן גואל, וואָס וועט ברענגען די אמת'דיקע, שלמות'דיקע גאולה.

אמת, די חבלי לידה זיינען גרויס, אָבער גרויס זיינען אויך אונדזערע מעשים, אונדזער גאַנג צו גאולה. די איצטיקע שווערע אָבער ליכטיקע שעה געהערט צו די מאמינים, צו די בעלי־בטחון, צו די שטאָלצע, מוטיקע קעמפער פון דער יידישער באַפרייאונג.

16 מאַי, לאָנדאָן.

---

## לעא קעניג

# אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאַגער

### פאָרוואָרט

ווי זייערע אַמאָליקע ביבלישע פאָרגייער־פּראָטאָטיפּן, זיינען אויך די היינטיקע אלדדס און מידדס ניט קיין פּאַרטיי־מענטשן; זיי באַלאַנגען צו די אַמביציעזע שלים־מזלניקעס, וואָס מען געפינט אין אַלע צייטן צווישן אינטעלעקטואַלן: זיי האָבן ניט גענוג כח און ווילן צו שאַפן אייגענע טעאָריעס און באַוועגונגען און זיינען צו שטאָלץ און אין אַ געוויסער מאָס צו מענטשליך־ערליך נאָכצוגיין גרעסערע פירער און נביאים און זיי מוזן אַליין נביאות זאָגן.

די ביבלישע אלדד ומידד האָבן, ווייזט אויס, אפילו משה'ן ניט געוואָלט נאָכגיין; אָבער משה, ניט ווי היינטיקע גרויסע און קליינע פּאַרטיי פירער און פירערלעך, איז געווען גענוג גרויס און טאָלעראַנט און ווען דער נאָך יונגער יהושע בן־נון האָט זיך געבעטן ביי זיין האַר משה ער זאָל פאַרבאָטן אלדדן און מידדן נבואה־זאָגן אין לאַגער, האָט אים משה געענטפערט: „וואָס



ביזט מקנא פאַר מיר? הלואי וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק געווען נביאים; הלואי וואָלט גאָטס גייסט גערוט אויפן גאַנצן פאָלק"....

אָבער וואָס האָבן אלדד און מידד נביאות געזאָגט, ווייסן מיר ניט. פאַר וואָס? זאָל עס זיין ווייל דאָס פאָלק האָט זייערע נביאות ניט אויפגענומען און פאַרגעסן? אָדער אפשר דערפאַר ווייל די אַמאָליקע ביבלישע „רעדאַקטאָרן" בלע"ז, זיינען געווען צו שטרענג, האָבן צופיל מקנא געווען פאַר משה'ן און האָבן געהאַלטן אלדד און מידד'ס נביאותן פאַר ניט „דרוקבאַר"? נור ווי עס זאָל ניט זיין זיינען אין יענע ווייטע ביבלישע צייטן נאָך גאָרנישט געווען דאָס וואָס מיר רופן היינט אַן פּובליסיטי טעכניק: די נביאים פלעגן רעדן אויף די מאַרקן, אין די גאַסן, אין דער אזהרה; דאָס פאָלק האָט זיי געהערט אָדער ניט געהערט, געשריגן נעשה ונשמע אָדער געקריגט אויף זיי און אַמאָל אויך פאַרשטיינערט... ווי געוויינליך פעלקער, וואָס ווייסן אָפט ניט דעם אונטערשייד צווישן זייערע אמתע און פאַלשע נביאים. צווישן איבערגעגעבענע פריינט און דעמאַגאָגן... ווילט זיך אונז טאַקע אָפט וויסן וואָס האָבן גערעדט און נביאות געזאָגט די נביאים וואָס האָבן אפילו קיין זכיה ניט געהאַט צו ספרים חצונים און דאָס פאָלק האָט זיי אינגאַנצן פאַרגעסן... און גאָר באַזונדער ווילט זיך וויסן וואָס איז געווען די נבואה פון אלדד און מידד אין דער מחנה... און טאַקע דערפאַר ווייל משה, דער פאָטער פון אַלע נביאים, אַליין האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט פון נבואה צו זאָגן ווי דער יונגער יהושע האָט זיך ביי אים געבעטן. מסתמא האָט משה אַליין עפּעס געזען אין די רייד פון אלדד און מידד, ווער שמועסט אַז ער האָט נאָך באַלד צוגעגעבן „הלואי וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק געווען אַ פאָלק פון נביאים".

אָבער היינטיקע צייטן מיט אונדזער היינטיקער „פּובליסיטי". ווען מיר האָבן אַזוי פיל דרוקן, זשורנאַלן, רעדאַקטאָרן א.ז.וו. וואָלט געווען אַ גרויסע עולה, ווען מיר געפינען ניט קיין פּלאַץ ד"ה ווען מיר פאַררעזשיסטרירן ניט לדורות (אָדער לכל הפחות פאַר די קומענדיקע פאַרשידענע ייוואָ פאָרשער און היסטאָריקער...) די רייד און די נביאותן פון די היינטיקע אלדדס און מידדס. ס'איז אמת אַז אפילו היינטיקע צייטן מיט די אַלע ראַדיאָס, צייטונגען און זשורנאַלן קען מען לייכט פאַרשווייגן די מאָדערנע אלדדס ומידדס, ווען אפילו ניט אינגאַנצן פאַרשטאָפּן זייערע מיילער... ס'איז דאָ אַ שטיקל אמת אין דעם ציניש ווערטל „וואָס מער עס בייט זיך אַלץ מער איז עס דאָס אייגענע". אָבער דאָך איז עס היינטיקע צייטן גרינגער... היינטיקע צייטן איז גרעסער די געפאַר פון יאָ איבערגעבן אָדער דרוקן די נביאותן פון די היינטיקע אלדדס און מידדס נור ווי אַזוי צודרייען און פאַרגרייזן אַז מען זאָל זיי אינגאַנצן ניט דערקענען; וואָס איז נאָך ערגער פון אינגאַנצן פאַרשווייגן... האָב איך זיך דערפאַר איצט אונטערגענומען איבערגעבן אין דער פאָרמע פון דיאַלאָגן אָדער מאָנאָלאָגן די שמועסן פון מיינע פריינט אלדד און מידד ווען די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין אונדזער מחנה....

מען וועט האפנטליך, מיר ניט באשולדיקן אין גאוה און באריםעריייען דערפאר וואס איך האב באצייכנט אלם פריינט אלדדן און מידדן, ווארום וואס איז עס פאר א יחוס צו באריםען זיך מיט דער פריינטשאפט פון אומבאקאנטע און ניט אנערקענטע, וואס זייערע נעמען ווערן געריינקט קיים, און מען ווייסט אפילו ניט צו זיי האבן איבערגעלאזט אנאנימע ווערק, אדער צו אנדערע האבן זיך ניט אונטערגעשריבן אונטער זייערע ווערק... קיינער באריםט זיך ניט מיט דער פריינטשאפט פון אונבאקאנטע זעלנער, דיכטער, דענקער אדער נביאים... סיידן איינער האט אליין א ניצוץ פון א אלדד אדער א מידד איז ער גרייט צו זיין א באזוועל פון „שטומע נביאים“...

נור צו איך בין א גייסט און נעמיט פארוואנטער פון די אלדד און מידד, צו ניין, נור א פריינט זייערער בין איך, צו זיי ווייסן דערפון, צו ניט. איך האב זיי ליב „באאבאכטן“ ווי מען דריקט זיך אוים פראפעסיאנעל; איך האב ליב זיך צוהערן צו זייערע משונהדיקע, פאראדאקסאלע טענות ומענות... און איך האב ליב צו גיין צו די „אט־האמס“ און חוליאנקעס, ווען איך ווייס אז ס׳וועט דארט זיין א אלדד אדער א מידד, און אמאל ביידע צוזאמען... אסך מאל ווען מען פרעגט מיר, זאג איך לייד איין אלדדן און מידדן... ס׳וועט זיין אינטערעסאנט צו הערן וואס זיי האבן צו זאגן... דא אנומעלטן, האב איך זיי געטראפן אין דער אטעליע פון א באקאנטן קינסטלער. זיי האבן גארניט גערעדט... זיי האבן אזוי אנגעלאדן געשוויגן, האט זיך מיר נעדאכט, מיט אזא אונרויק, גערייכט שווייגן האבן זיי געשוויגן, און ארומגעשפאנט אין דער אטעליע ווי לייבן אין א שטייג....

ס׳איז געווען אין דער ערשטער וואך פון דער דריטער יידישער מלוכה, און זיי האבן געווארט און געשוויגן. און ווען איך האב זיי אפגעגעבן „מזל־טוב“ האט אלדד נור א בורטשע געטון:

„און פרעה׳ס הארץ ווערט אלץ שטיינעריקער, כאטש צושמעטער עס מיט א האמער“....

און מידד האט ווי צו זיך אליין געברומט:

„ישראל בעמים... המ... ווען די פעלקער ווייסן אז זיי קענען אויסגעלייזט ווערן פון ישראל און דורך י ש ר א ל...“ —

משונהדיקע ווערטער. אבער איך האב געפילט בחוש אז אט טא און אלדד און מידד וועלן „אויפהויבן זייערע שטימען“ און רעדן... און איך האב זיך צוגעזאגט, בלי נדר, צו פארצייכענען זייערע רייד, ווי איך וועל זיי הערן.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1



א. נ. שטענצל

## פאר דער כותל מערבי
(באלאדע)

I

אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער מערב וואנט,
שטייט די שכינה מיט פארבונדענע אויגן,
דאס הארץ איר׳ס איז דאס צינגל פון די וואנשאלן,
וואו די מעשים פון וועלט ווערן אפגעוואויגן.

ווער קאן וויסן ווען טאג פון גערעכטיקייט קומט,
אז זון און לבנה זיינען אירע שאלן;
אנאויפהער ציטערט איר הארץ ארויף און אראפ,
איבער ירושלים׳ס בערג נ׳טונקלע טאלן — —

נאך האלבער נאכט ווען לבנה ווערט פול און רויט,
איידער בלוטיקע זון גייט אויף אין באגינען,
בינדט שכינה אויף אירע פארבונדענע אויגן,
און אירע טרערן אויף די וואגשאלן רינען.

פארלאשן און פארפינסטערט די גאנצע וועלט ווערט,
פון דעם געפלייץ פון די גיסנדיקע טרערן;
אהין און אהער דאס וואגשאל צינגל צאפלט,
קוים דאס שטילע נעפליסטער איר׳ס צו דערהערן:

„אז דאס הארץ פון דער וועלט זאל זיך נישט אפשטעלן,
טאר איין שאל פון דער וואג נישט אריבערשווערן,
און דערפאר טאר אויף אייביק פון מיינע אויגן,
דאס טרערן־גערין צו פלייצן נישט אויפהערן.

„און זיינען די זינדיקע נישט מענטשן־קינדער?
דער זינדיקסטער נאך האט דאך ערגעץ א מאמע — —
אבער אז מיינע קינדער, די אומשולדיקסטע,
און אזוי געפייניקט. על אחת כמה — — —

„זע, דער טאג פון גערעכטיקייט גיים אנקומען,
מיינע אויגן פילן שוין פריידיקע טרערן,
און פון דעם איבערפלייץ פון די וואגשאלן,
ירושלים׳ס טאלן ליכטיקע ווערן —

און די אויפגייענדיקע זון איבער די בערג
איבער גאנצער וועלט מיט גערעכטיקייט שיינען" — —
אז פון פרייד דאָס האַרץ איר'ס זאָל זיך נישט אָפּשטעלן
מוזן אירע מאמע־אויגן אייביק וויינען —

און אירע טרערן ליכטיקע צעשפּינלטע,
דער אָפּשיין פון גאָט איבער אַלע וועלטן,
זיי פאַלן אויף די וואַגשאָלן, צעציטערטע,
די מעשים פון מענטש ערלעך צו פאַרגעלטן.

א פולע איז דעמאָלט די גאַנצע וועלט מיט גאָט,
זיין ווידער־קול — קלאַפּנדיקע הערצער זיינען;
און דאָס אָפּ־בילד פון אים אַלע מענטשן־קינדער — —
זאָל נאָר פון דער פרייד דאָס האַרץ אירס נישט פאַרשטיינע

II

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מערב־וואַנט,
שטעלט זי זיך צוריק מיט פאַרבונדענע בליקן
נישט זען זי וויל די איינגעפאַלענע חורבות,
אין שטיקנדיקן רויך די מערות און די ליסן.

ווי עס דונערן ארום איר די האַרמאַטן,
אין די בערג ארום אויפגעבראָכענע בליצן —
געשפּיצטע דלאַטן לויפן איבער איר רוקן,
לעצטן שטיין נאָך אין ווילדן נעץ צו צעקריצן!

נישט זען זי וויל דעם כאַרכלדיקן געראַנגל,
דאָס מעסער געבלאַנק אין בלוטיקן אויפצוקן —
יעדער שראַפּנעל, יעטווידע צילנדיקע קויל,
גיפטיק געצילט אין איר צוקנדיקן רוקן!

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מערב וואַנט,
שטייט די שכינה מיט פאַרבונדענע בליקן,
און דאָס וואָגשאָל צינגל הערט נישט אויף צו צאַפּלען —
די פרייד אין איר האַרץ א שעפּסל אין פאַרציקן:

„ירושלים, דו מיט דיין הייליקער וואַנט,
מיט דעם שטיקעלע בלויז וואָס איבערגעבליבן,
ווערן מיינע קינדער געראַטעוועט אצינד,
מיינע קינדער פון גלות צומאָל פאַרטריבן — —



„ווי יענע שעפּס, א פאַרפּלאָנטערטער אין קזשאַקעס,
צווישן הר המוריה און הר הצופים,
ירושלים, פאַרפּלאָנטערט אין שטאַכל־דראָט,
צו ראַטעווען ביזט דו געקומען צו לויפן — — —

„ווי דו ברעכסט דאָס צוזאַמען, ווי דו פאַרבלוטיקסט,
אויף לעצטן שטיין געקוילעט צוווערן;
ירושלים, א קינד פון מיינע דו ביזט,
קיינמאָל צו ציטערן נאָך דיר נישט אויפצוהערן.

„איך בין דאָך נאָר א מאַמע, אַן אָרעמע פרוי בלויז,
וואָס לאַכט אויף נאָך אין רגע פון חבלי־לידה — — —
אַ, אויף מיין האַלדז איך שפּיר דאָס בלאַנקע מעסער —
יענער געבונדענער שעפּס אויף דער עקידה!

„ירושלים, מיט אונזער ביידנס לעבן,
אונזערע קינדער אצינד מיר טון באַשיצן — — — — — — — — —"
— — — — — — — — — — — — — — —

אז מען זאָל די פרייד אירע נישט דערבליקן
פון די טרערן ארויס פריידיק ארויסבליצן.

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מערב וואַנט,
שטייט די שכינה מיט פאַרבונדענע אויגן;
מיט איר לייב א לעצטן שטיין אָפּצוראַטעווען,
שטייט זי — א מאַמע איבער איר קינד געבויגן.


3/6 „אין זכות פון די טעג"
5/- „אין הדר אריין"
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## משה עובד

# איין מייסטערהאפטע נאכט

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

איך האב געהאט א מיטל־יעריקע ענגלישע פריינדין און זי האט געהאט צוויי שווארצע יונגע בלישטשנדיקע אויגן און זיי די אויגן האבן זיך געווינט און געשפילט אין אירע ווייסלאנצנדיקע האר ווי א צווילינג פון נעגער קינדערלעך אין א וויגעלע פון זילבער.

פונקט ווי אלע שפיגלען האט זי אויך געוואוסט אז איך בין נישט א שיינער העלדישער מאנצפארשוין! איך האב אבער געהאט שיינע זאכן צו ווייזן און חלומות צו אנטפלעקן, און ווען זי האט געזען מיין אויסגעפאקטע קראם פון שענקייט און חלומות האט זי זיך געקוויקט און געקוואלן.

איינמאל, צו זיין גענוי, אין די צוואנציקער יארן פון צוואנציקסטן יארהונדערט, איז זי אריינגעקומען צו מיר מיט א בקשה: באשר בכן זי פאראנשטאלטעט א פייערונג, און זי האט פארבעטן דאס אויבערשטע פון שטייסל פון דער אינטעלעקטועלער, פינאנציעלער און פאליטישער געזעלשאפט, און אנצומאכן חשק, פארזיכערט זי מיר אז עס וועלן ביי איר זיין דרייסיק שענע דאמען. און אלע, אויב נישט קונים, זיינען זיי פאטענציעלע קונים און זי חלש"ט איך זאל זיין איינער פון די געצעלטע חשובע געסט.

דער מיסטעריעזער שיקזאל האט געוואלט אז אירע רייד זאלן אריינפאלן פונקט אין א רעוואלטירנדיקן מאמענט. ווען איך בין געווען אין שרעקלעכן כעס אויף קונים בפרט אויף קונה'טעס וואס זיי זאגן מיר דעות וואס זיי זאלן טראגן! דאס וואס זיי ווילן אז זייער אונקולטערווירטער יאוועלן־געשמאק זאל דאמינירן איבער מיין קולטוווירטן. זיי ווייסן דאך אפילו ניט ווי שיין זיי זיינען פון דער נאטור. טא ווי אזוי זאלן זיי ווייסן זיך נאך שענער צו מאכן דורך דעם כישוף פון צירונג? האב איך אויסגעלאזט מיין גרימצארן און אזוי זיך געבייזערט!

— ווי אזוי קענסטו נאר פון מיר פארלאנגען צו גיין אין מיין פרייערצייט מיט מיין פרייען ווילן, צו די מענטשן וואס פארשקלאפן מיינע אקטיוועטעג? די קונים מיינע זיי צווינגען מיך דאך צו בויען פעסטונגען פון שיינקייט לויט זייער אייראפעאישן געשמאק, נישט לויט מיין אריענטאלן. זיי מיינען אז איך בין גלאט א קרעמער. זיי ווייסן גאר נישט, אז איך בין א מאלער, א סורעליסטישער מאלער. איך מאל נישט מיט פליסנדיקע פארבן אויף טויטן לייוונט, נאר מיט סאלידע מעטאלן און אבנים טובות ומרגליות אויף בליענדע אילאסטישע הויטן. האבן זיי נאר די חוצפה מיר דעות צו זאגן וואס עס פאסט זיי און וואס נישט. עס איז דאך שוין נישט צום אויסהאלטן! און ווילסטו נאך איך זאל נאך קומען צו דיר אין הויז אריין און צוקוקן ווי אן ארמיי פון דרייסיק שיינע פרויען זיינען ארעם ארנאמענטירט



און דעגראדירנדיק דעקארירט! ניין! איך גיי נישט! טויזנט מאל ניין! איך גיי נישט. וועסט מיך אפילו קושן גיי איך נישט!

אירע בליציקע קינדער אויגן האבן זיך אזוי צוגעקוקט ווי איך צעהיץ זיך און צעבייזער זיך, האבן זיי זיך לייכט צעטאנצט אויף מיין שטערן, פנים און ליפן ביז זיי האבן דעם געשטאלט פון סורעליסטישן מאלער צערייצט און צעשמייכלט.

דאן האט זי געעפנט אירע רויזן־פעטאלן:

— האסט גאנץ רעכט בייז צו זיין. אבער אזוי לאנג ווי דו שמייכלסט נאר, וועט שוין אלעס גוט זיין. מיר איז ביינעפאלן אזא פלאן: איך וועל איינלאדן די פרויען זיי זאלן אלע קומען אין גאנצן אן צירונג, און דו וועסט זיי אויספוצן לויט דיין קולטוווירטן געשמאק. יא?

— ניין! — זאג איך — דאס וועט נישט טויגן. בעסער זיי זאלן קומען אין זייער צירונג, איך וועל עס פון זיי אראפרייסן און זיי אויספוצן בצלמי ובדמותי. זאלן זיי דערפילן דעם קאנטראסט צווישן מיאוסקייט און שיינקייט.

— גוט, אויסגעצייכנט, — האט זי געזאגט. און מיר האבן צוזאמען אויסגעארבעט די איינלאדונג און אונטן איז געווען צוגעשריבן אזוי:

„דאמען! ביטע אויפמערקזאם! — א סורעליסטישער מאלער וועט זיין אין פארדערשטיבל ביים אריינגאנג צום טאנץ־זאל. ער וועט אויסטון פון אייך אייער שמוק און אייך באמאלן מיט זיין צירונג לויט זיין געשמאק.

„קיינער טאר אים קיין דעות נישט זאגן. און די וואס וועלן ווידערשפעניגן וועלן שטעלן זייער עסטעטישן וואוילשטאנד אין גרויס געפאר!"

דער מאלער האט זיך באלד אנגעהויבן פילן זיגרייך. זיין ווייכע אלט־שטימע איז ענטרינען פון זיין האלדז, געמאכט ארט פאר א דיקטארישן באריטאן־שטימע. און ווען ס'איז געקומען דער אוונט פון דער שמחה האט ער דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן זיך געפילט א פרייער מענטש. פונקט ווי די יידן אין דער ערשטער סדר נאכט, נאכדעם ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים. אראפגעווארפן פון זיך דאס יאלדישע רעקל, דאס אייראפעאישע, און זיך אנגעטון א זיידענעם מאנטל, לאנג און לויז ווי א קיטל, אנגעפאקט א זאק מיט לירעשע צירונג פון וועלכן עס צוגייט דאס הארץ און מיט בארבארישע ארנאמענטן, וועלכע ווארפן אן א פחד און מיט א לאמטערנעלע: זיין קריסטאל־ריינער געוויסן אהין צו זיין פריינדינס הויז.

ער האט זיך געפעדערט גאנץ פרי, אויסגעפאקט דאס ברענענדע צירונג אויף דעם טיש, ווי קוילן אויף א מזבח, און געווארט ווי א נעדולדיקער כהן־גדול אויף זיינע קרבנות.

אויף די קשה־עורף'דיקע מענער האט ער נישט גענומען קיין אכט, זיי צו רעפארמירן און רעדעקארירן דארף נעמען מער ווי איין נאכט. אדער טויזנט נעכט. זיי דארף מען ערשט אנטון נייע מלבושים, און א נייער הויט. אבער די פרויען ווען זיי זיינען אנגעקומען האט ער אחת ואחת פון זיי מיט זיין ערשטן קינסטלערישן בליק אראפגעצויגן יעדעס שטיקעלע שמוק (עבט

צו פאלש) און עם אריינגעוואָרפן אין אַ קאַלעקטיוון קויבער. און מיט זיין צווייטן קינסטלערישן בליק זיי בעמאָלן מיט צירונג לויט זיין געשמאַק, אָבער רעלאַטיוו צו די קאָלירן וואָס זייערע אויגן האָבן אויסגעחלומ׳ט און צו די פאָרמען וואָס זייערע פיזישע סטרוקטורן האָבן אויסגעטראָגן.

און אזוי ווי אויף דער איינלאַדונג איז געווען געדרוקט די קאָנדיציע, האָט קיינער נישט געוואָגט צו פּראָטעסטירן. פאַר וואָס זאָלן זיי עס טאָן? האָט ער דען נישט זייער אינסטיקטיוון הונגער נאָך שענקייט געזעטיקט? און ניינאונצוואַנציק פון די פרויען האָבן זיך טאַקע געשטיקט, ניט געהאַט גענוג צייט זייער ברייט־האַרציקער פרייד אויסצולאָזן דורך דעם שמאָלן קאַנאַל פון געלעכטער. נאָר אן אמת רחמנות איז געווען אויף דער דרייסיק־סטער פרוי. זי איז געזעסן אָנגעבלאָזן ווי אַ געפּענטערטער אינדיק צו דער שחיטה און קיינער האָט נישט געוואוסט די סיבה.

און די סיבה פון דער אָנגעבלאָזענער פרוי, וואָס איז ביז איצט געווען אַ פאַרזיגלטער און פאַרקנעפּלטער סוד אין שרייבערס בוזים וועט דאָ ווערן עטנפּלעקט, און זאָל די וועלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסן!

גלייך ווי ער האָט געוואָרפן זיין בליק אויף דער דרייסיקסטער פרוי, האָט ער דערזען אַ שלעכטקייט אין אירע ליפּן. דערהערט אַ כעס אין איר אָטעמען, און אירע זעקס נאָמבעס האָבן ווי דורך זעקס מיילער דייטלעך דערציילט, אַז זי באַזיצט און פאַרנעמט אַ וויקטאָריאַנער הויז פון זעקס שטאָק, אַז זי האַלט און פאַרשקלאַפט זעקס דינסטן. דערזען אַז עס איז נאָר נישט אַ נאָמבע נאָר אַ מאָרדע, אַ פּיראַמיד! וואָס יעדער קנייטש איז אַ שורה וואָס דערציילט פון פאַרקנעכטונג. מען דאַרף נאָר קענען לייענען די הע־אָגליפן פון איר פּרצוף צו קענען וויסן וואָס פאַר אַנטיק עס איז.

האָט ער פון איר אַראָפּגעריסן די דיאַמאַנטן בייזע ווי אירע שטעכעדיקע אויגן; אַראָפּגעריסן איר שנירל פּערל שפּאַטענדיקע ווי איר צעקראַטשעטע פּיסק, — און זיי געוואָרפן אין קאַלעקטיוון קויבער אַריין. און אויף אירע פעטע אָרעמס אַרויפגעצויגן צוויי ברוטאַלע שקלאַפן בראַנזולעטן און די שרויפן אַריינגעשרויפט אין איר פעטקייט. זי האָט געוואָלט זיך צעשרייען פון ווייטאָג, אָבער ער האָט מיט אַן אייזערנעם בליק עס פאַרבאָטן! זי מוז פאַרזוכן כאָטש איין נאַכט אין איר לעבן דעם מרור פון ליידן. האָט ער ווי אַ שטערנגער שופט רעצידירט און... אויסגעפירט.

דער אָנגעבלאָזענער פרויס וואונדן זיינען צוגעאָרגנט שוין געווען אַלט און אויסגעהיילט. אָבער מיינע וואונדן זיינען צוגעאָרגנט נאָך געווען פרישער ווי תמיד, ווייל נאָך דעם ווי איך האָב איין נאַכט פריי און מייסטערהאַפט געמאָלן אין זיירענעם לאַנגן קיטל, בין איך ווייטער געשטאַנען ביים צייל־טיש. ווייטער זיך געלאָזט שניידן די פּרייזן אין אַן אָפּגעשניטן יאַלדיש רעקל. ווייטער אַ קרעמער געקוועלט פון קונים׳ס־קאַפּריזן.



## יוסף הלל לעווי

### צו דער זון...

(אַ מתנה א. נ. ש ט ע נ צ ל ׳ן צום 100־טן העפטל)

זון, אַ זון!
וואָס זאָל איך טון
אַז דו גליסט,
און ביסט,—
אייביק, אייביק,
באַר ארום מיר....
און דיין ליכט,
וואָס פלייצט און פליסט —
דרינגט ניט קיינמאָל
איין אין מיר,
אויפצוהעלן
מיר מיין זיין....
מיט דיין שיין,
גאָר דיין גאָלדנע
פייער טיר —
האַלסטו תמיד
פעסט פאַר מיר
צוגעשלאָסן, —
און איך זוך
ארום און פלוך:
מיט דער אנונג
שרעק באַגאָסן;
און דעם שוויים
פון אָנגעזיכט,
צו דערגיין
דיין גאָלדן ליכט....

מיר, און וויסטערהייט
פאַרצערט, —
קרייז איך,
וואָגל:
ווי די ערד
ארום דיר —
זון, אַ זון!
און קאָן דיך ניט דערגרייכן,
קאָן דיך ניט דעריאָגן.....

און ווייס געהיים
מיין פיין;
אז מיין געדאנק —
איז פינסטערער
און טויזנט מאָל
אַ קלענערער,
פאר דיר....
און ווייס געניי:
אז מיין געזאנג —
איז נאָר
דיין פייער־גופ'ס
אַ טונקלער,
גרויער,
וואָלקנצוים, —
וואָס מוז אייביק זיך דערנערן,
נאָר פון מיינע טריבע טייכן,
שוימנדיק פון בלוט און טרערן....
און איך קאָן דיך ניט דערגרייכן,
און דיך קיינמאָל ניט דעריאָגן....
תמיד איידער סהייבט אָן טאָגן,
נעמט מיין הארץ פאר מורא שלאָגן —
מיט דער אנונג פונעם טויט....
דיינס אַ פונק נאָר צו געווינען,
מוז מיין בלוט אין ימים רינען....
זון, אַ זון!
וואָס זאָל איך טון;
מיט מיין הארץ,
און מיין געביין —
ווי דו צו זיין?....

און דאָך, איך דענק
און לעב, און לייד,
און פלאַטער אויף —
פאר צער און פרייד;
ווי נאָר עס טאַנצט
דיין פייער שיין,
ארום מיר,
מיין הויט, געביין;
און ענבער אום
מיין לעבן לאַנג —



ביי מיר אין בלוט,
און אין מיין זיין....
ווי דו, אַ דו,
צעפלאַמטע זון,
אין טיפסטער טיף —
פון וועלט־געמיט....
און ברענג נאָר קוים
צו מאָל פון מיר,
פון מיין יעדן
קנאָבן, גליד, —
אַ ווייטיק קלאַנג,
אַ בלייכן טרוים
ארויס פון בלוט,

מיט אַן אָרעם
שטאַרבלעך ליד....
ניט גלייך ווי דו,
צעפלאַמטע זון,
וואָס ברענגסט ארויס, —
צעשימערט רויט;
אייביק וואונדערלעך
דיין רויז:
וואָס פארבליט,
און ווידער בליט....
אַ זון, דו זון!
וואָס זאָל איך טון, —
אז כ'בין נאָר דיינס
אַ טונקלער וואָלקנצוים?....
און אַז כ'קום
זיך נאָר צו ווייזן, —
ארום דיר
ארומצוקרייזן,
און צו וואָגלען
ביז צום טויט....
טאָ ווי קאָן איך —
דיך דערגרייכן?
איך — וואָס קאָן ניט
דיינע הייכן....
און איך ווער
פון ווינט געטריבן,

ווי אַ וואָרעם,
און צעריבן
פונעם שטורעם....
מזרח, מערב,
צפון, דרום —
איבעראַל
איז אַלץ מיר ווײ;
איך בין ניט פריי,
איך בין ניט פריי!
אייביק נאָר
ווי פּראָמעטײ
צום פעלדז געשמידט, —
פון צער און ווײ....
און מיר פעלט:
דײַן גלות צום גליען,
און אויך פליגלען
צוויי צום צפליען —
ווייט אַוועק,
פון מײַן איך —
און ליד —
פול שרעק....

צי אַרום איך טרויעריק לאַנג
זיך מיט ערמה ווי אַ שלאַנג, —
אויף דער ערדס פאַרשטויבטע וואָכדן;
טראָג אין האַרצן אַ פאַרלאַנג —
אייביק נאָכן זונענפלאַם....
טו אַליין די וועלט אַנצינדן,
לעש זיך אויס מיט בלוט און טרערן,
ווער אַליין פאַרסמט — און סם....
זוך די שוואַרצסטע צייטנס שטויבן —
מיט מײַן לעבן אויסצוקערן....
און עס מאַכט אַן אַלעם גלויבן
מיך דער יאוש און די נויט, —
וועלכע ס'ברענגט דער שרעק פון טויט....

אָבער דו, אַ דו!
וואָס טראָגסט אויף דײַנע אַקסלען
גאַנצע אייביקייטן,
און צעווישן בערג —



פון מענטשנס פרייד און לײַדן
יעדן אַוונט זיך צו רו
דו לייגסט;
ווען אַ מידע ווערסט פון שטײַגן,
און דו שווײַגסט:
אין פלאַמען רויט
און ווייסט ניט
פון מײַן נויט,
מײַן פאַרצווייפלונג,
און מײַן טויט....

אַז איך — אַ ניין,
איך קאָן ניט שווײַגן
אין מײַן פּײַן, —
גלײַך ווי דו
אין גאָלדענעם שײַן....
איך בין צעקוועלט,
און מיר פעלט:
דײַן רו,
דײַן גלי נעזיכט,
דײַן הייך,
דײַן ליכט....
מיר איז פאַרשטעלט —
מײַן פרייד און גליק,
מיט גורל־ווענט....
און גרענעץ צוים....
מיר פעלט, מיר פעלט
דײַן שטראַלן בליק,
דײַן רוים —
דײַן צײַים —
צו זען
אין ווײַט,
אין טיף
און ברייט:
דעם אָנהויב
און דעם ענד....
איך ווייס מיר פעלט —
דײַן הימל־בלוי
צו זײַן אַזוי
ווי דו....

פלאַמענדיקער
שטראַלנקנויל;
מיר פעלט דיין מויל,
דיין פייער האַרץ
אויף תמיד ליכט צו געבן....
און נאָך, און נאָך:
דיין אייביק שטראַליק לעבן....
מיר פעלט,
מיר פעלט —
די גאַנצע וועלט!
אַ זון, דו זון,
וואָס זאָל איך טון?!

קייטי בראַון

## דער סופּרייז...

(אַן עפּיזאָד)

אַ צופרידענער איז דזשעק יענעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען, זיך אַרומגעוואַשן, אָפּראַזירט, אַנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, צוהערן די לעצטע נייעס, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. ער האָט זיך צוגעגרייט דעם פרישטיק, אָפּגעקאָכט דאָס „רעשענר" איי, וועלכע זיין ווייב האָט פאַר אים באַקומען, צום ערשטן מאָל זייט פיער וואָכן, און זיך געזעצט צום טיש מיט גרויס אַפּעטיט... אָבער גלייך ביים עסענען דאָס איי האָט ער זיין אַפּעטיט פאַלוירן, ווייל עס איז געווען אַזוי פריש, אַז ער האָט עס איבערגעבעטן מחילה, און מיט בעס אַרויסגעשליידערט אין מיסט קאַסטן.... דאַן האָט ער אָפּגעגעסן עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרגאַרין, פאַרטרונקען מיט אַ טעפּל קאַווע, און זיך פאַרטיק געמאַכט צו גיין צו דער אַרבעט, אויף דעם נייעם דזשאָב, וועלכן ער האָט נאָך עטלעכע חדשים זוכן קוים געפונען. דאַן האָט ער אַרויף געטראָגן זיין ווייבל אַ טעפּל טיי אין „בעדרום", אַ קוש געטאָן דער „בייבי" און אַרויס פון שטוב.

דאָס וועטער אין דרויסן איז געווען אַזוי קאַלט און פראָסטיק, אַז עס האָט פשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דזשעק האָט זיך פעסטער איינגעטוליעט אין זיין מאַנטל, און גענומען גיין מיט פעסטע טריט.

אַ מאַן האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ ברייטן „האַלאָ דזשעק". ער איז געשטאַנען און באַטראַכט דעם מאַן מיט פאַרשעמטע בליקן.

וואָסזשע, דו דערקענסט מיך נישט, דזשעק, מיך, דיין אַמאָליקן בעסטן חבר סיימאָן? האָט יענער געפרעגט. יעס, דו ביזט עס טאַקע, מיין פריינט סיימאָן, האָט דזשעק געענטפערט אין פאַרלעגנהייט, וועסט מיר מוחל זיין.



דו האָסט זיך אַזוי פאַרענדערט אין די לעצטע עטלעכע יאָר. זייט איך האָב דיך נישט געזען, אַז עס איז דיך שווער צו דערקענען, אָבער איך בין זער צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. זאָג מיר וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס דיר? אָבער סיימאָן האָט נישט געענטפערט. און ווען דזשעק האָט זיין חבר בעסער אָבזערווירט, האָט ער נישט באַדאַרפט וואַרטן אויף קיין ענטפער, ווייל זיין קליידונג און אויסזען האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אויף געהאַקטע צרות....

דזשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער, און אויסגעפונען אַז ער האָט נאָך אַביסל צייט. האָט ער פאַרבעטן זיין פריינט, אין אַ דערבייאיקן טיי־פּלאַץ, צו האָבן מיט אים אַ קאַפּע, און צו דערזעלבער צייט אויסגעפינען וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען, אונטער דער צייט וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען.

זיצנדיק ביים טישל, האָט דזשעק געהאַט די מעגלעכקייט סיימאָנען בעסער צו באַטראַכטן, ער האָט אויסגעזען זער שלעכט און נידערשלאָגן, אין פיל עלטער פון זיינע יאָרן, אַ מאָדנער רחמנות געפיל האָט אים אַרום גענומען און ער האָט אין געדאַנק גלייך באַשלאָסן אַז ער מוז אים העלפן. זאָג מיר סיימאָן, וואָס איז מיט דיר געשען זייט מיר האָבן זיך געזען צום לעצטן מאָל, און וואָס טוסטו יעצט? ווי לעבט זיך דיר?

פרעג נישט דזשעק, דו וועקסט אין מיר אויף וואונדן, וועלכע הויבן זיך נאָר וואָס אָן צו פאַרהיילן, דאָך וועל איך דיר אין קורצן איבערגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און דאָס איבעריקע וועסטו שוין אַליין פאַרשטיין. האָט סיימאָן אָנגעפאַנגען.

ווען מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען, איז געווען אין יאָר ניינצן דריי און פערציק. דאַן בין איך געווען אַ סאָלדאַט. דאָס געדענקסטו דאָך כּן הסתם, אין יענער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל אין וועלכער איך האָב זיך שטאַרק פאַרליבט. דער פאַקט האָט מיך גליקלעך געמאַכט, און געגעבן האָפנונג אויף אַ גוטער צוקונפט, ווען איך וועל באַפרייט ווערן פון מיליטער, האָב איך, ווי יעדער יונגער מאַן, פאַנטאַזירט פון אַ שיין און גליקלעך פאַמיליען לעבן.

מען האָט מיר אינפאָרמירט, אַז איך ווער אַוועק געשיקט נאָך אינדיע, און אויף דעם סמך האָב איך באַקומען פיער וואָכן אורלויב, אונטער דער צייט האָב איך מיט מיין געליבטער חתונה געהאַט, כּדי זיך צו פאַרזיכערן מיט מיין גליק, און מיט נאָך טויזנטער אַזעלכע ווי איך, בין איך אָפּגעפאָרן צום באַשטימטן אָרט, די אַלע שווערקייטן וועלכע מיר איז אויסגעקומען מיט צו מאַכן אין יענער צייט, זענען פאַרלייכטערט געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין ווייבל וועלכע וואַרט אויף מיר מיט אונגעדולד: איין מינוט איז זי מיר נישט אַרויס פון געדאַנק, אירע אָפטע בריוו זענען געווען פיל מיט ליבע און איבערגעגעבנהייט. נאָר פּלוצלונג האָט זי אויפגעהערט צו שרייבן, עס זענען אַוועק עטלעכע מאָנאַטן, איך בין געוואָרן נערוועז און שיער

אַראָפּ פון זינען, איך האָב געשריבן, טעלעגראַפירט, און געטון אַלעס מעגלעכע, אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען. איך האָב מיט אַמאָל דערפילט אַז מיין וועלט גייט אונטער, און נישט געוואוסט וואָס צו טון.

ענדלעך האָט זיך די מלחמה געענדיקט. איך בין געקומען אַהיים קראַנק און צעבראָכן, און זיך געגוויטיקט אין איר פריינטשאַפט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מיין געטרייע וויבל, האָט אַ צייט לאַנג געלעבט מיט אַ צווייטן מאַן. און ווען די מלחמה האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן, איז זי מיט אים אַוועק פון לאַנדאָן, און קיינער ווייסט נישט וואו אַהין. קענסטו דיר לייכט פאָרשטעלן ווי איך האָב געפילט. דאָס האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז איך בין געוואָרן שלעכט און פאַרדאַרבן, אוים פראַטעסט צום לעבן, וועלכעס האָט מיך אַזוי שטאַרק אָפּגענאַרט, כדי אין איר צו פאַרגעסן, האָב איך זיך גענומען צום טרינקען, און עס איז מיר שוין אויסגעקומען מער ווי איינמאָל איבערצונעכטיקן אין אַ פּאָליציי סטאַנציע. קיין געלט האָב איך נישט, אַרבעטן איז מיר אונמעגלעך, איך בין שוין שולדיק פאַר עטלעכע חדשים דירה געלט, און אויב איך וועל נישט באַצאָלן, וועט מיך די בעל הביתטע מער נישט האַלטן, דאָס האָסטו אין קורצן מיין לעבנס צושטאַנד. דזשעק איז געוואָרן שטאַרק גערירט פון זיין פריינט'ס לעצטע ווערטער. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויס גענומען אַ פונט און אים דערלאַנגט.

אָבער סיימאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט און נישט געוואָלט נעמען. ניין, דזשעק האָט ער געזאָגט, איך וויל פון דיר נישט קיין געלט, איך ווייס אַז דו ביזט אַ שווערער אַרבעטער און קענסט זיך נישט ערלויבן אַזאַ לוקסוס. איך דאַנק דיר יעדנספאַלס. און איצט זאָג מיר וואָס הערט זיך ביי דיר? ביזטו שוין פאַרהייראַט האָסט פאַמיליע? און אַזוי אין אַלגעמיין וואָס הערט זיך, מאַכסט אַ לעבן? איך האָב זיך גאָרנישט וואָס צו באַקלאָגן סיימאָן. איך בין אַ מאַן פון אַ וויבל, און אַ פאָטער פון אַ זיס טעכטערל, אַ לעבן מאַך איך. זעסטו, האָב איך נישט וואָס צו באַקלאָגן. און איצט אײדער מיר צוגייען זיך בעט איך דיך זער זאָלסטו קומען צו מיר. אָט דאָ האָסטו מיין אַדרעס, (האָט ער אים דערלאַנגט אַ קאַרטע), מיין געוויסן וועט זיך נישט באַרואיקן ביז איך וועל דיר אַרויסהעלפן מיט עפּעס, צו דערלייכטערן דיין טרויריקע לאַגע, מיין פרוי וועלכע באַזיצט אַן אײדעלע גוטע נשמה, וועט דיך ווילקאָמען, און דו וועסט ביי אונז געפינען אַ וואַרימע היים.

איך דאַנק דיר דזשעק, אָבער איך זע נישט דיינע מעגלעכקייטן טראָץ דיין ווילן, מיט וואָס דו קענסט מיר העלפן. איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד, ווי אַן אמתן גוטן פריינט, וועסטו זען אַז איך האָב יאָ אַ מעגלעכקייט פאַר דיר עפּעס צו טאָן. ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו סיימאָנען, און אים איינגערוימט אין אויער: איך האָב מיט עטלעכע חדשים צוריק, געוואונען צוואַנציק פונט אויף אַ פערד, פון וועלכן אפילו מיין וויבל ווייסט נישט. איך קען עס איר נישט זאָגן, ווייל זי וויל נישט איך זאָל שפּילן אין פערד. איך האָב מורא דאָס געלט אַרום צוטראָגן ביי זיך, איך זאָל עס נישט פאַרלירן, האָב



איך דאָס איינגענייט אין קעשענע פון מיינעם אַן אַלטן ווינטער מאַנטל, וועלכן איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו טראָגן, און אים פאַרשטופּט אין אַזאַ ווינקל וואו קיינער וועט אים נישט געפינען. אָט פון דעם געלט קען איך מיר ערלויבן דיר צו העלפן מיט עטלעכע פונט. איצט האָב איך מער קיין צייט נישט איך מוז גיין, אַלזאָ פאַרגעס נישט צו קומען, דו הערסט!

זיי האָבן זיך ביידע פריינטלעך געזעגנט, און פונאַנדער געגאַנגען. סיימאָן האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אין גאַס, און ווידער אַמאָל איבערגעלעזן דאָס קאַרטל, זיך פאַרטראַכט און אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט ער אָנגעקלונגען אין דזשעקס טיר. זיין וויבל האָט געעפנט און געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט. האָט איר אפשר אַלטע זאַכן צו פאַרקויפן מיסעס? האָט ער געפרעגט, און אַראָפּגערוקט זיין הוט איבער די אויערן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן און באַשלאָסן, אַז זי וואָלט געקענט עפּעס מאַכן מיט עטלעכע איבריקע שילינג.

איך וועל אַ קוק טאָן, האָט זי געענטפערט. און געבעטן דעם סוחר אַריין אין שטוב.

זי האָט זיך באַמיט עפּעס צו געפינען, און אַרום געזוכט אין יעדן ווינקל. סיימאָן האָט זיך דערווייל אַרום געקוקט און באַטראַכט, זיין חברס היים. זיין שען יונג וויבל, און עס איז אים באַפאַלן אַ מאָדנע אייפערזוכט....

פאַרוואָס קומט עס יענעם און ניט אים? האָט ער געטראַכט. אין עטלעכע מינוטן איז זי אַריינגעקומען פון ערגעץ וואו און געהאַלטן אין האַנט אַן אַלטן ווינטער מאַנטל.....

אָט דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געפונען, האָט זי געזאָגט. ביי סיימאָנען האָבן אַ פינקל געטון די אויגן. ער האָט גענומען דעם מאַנטל, אים כלומרשט באַטראַכט מעשה סוחר, און געפרעגט. וויפיל ווילט איר פאַר דעם אַלטן מלבוש? איך וועל אייך זאָגן דעם אמת מיסטער, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פאַרקויפט קיין אַלטע זאַכן, און ווייס נישט וויפיל דאָס האָט די ווערט. נאָר אַזוי ווי איך זע אַז איר זייט אַן ערלעכער מענטש וועל איך לאָזן דעם פּרייז צו אייך, האָט זי נאַאיוו געזאָגט. איך וועל אייך געבען אַ פונט, וועט איר זיין צופרידן? האָט ער געפרעגט, און נישט אַרויסגעלאָזט דעם מאַנטל פון האַנט. עס האָט זיך איר נישט געלאָזט צוגלויבן אַז דאָס איז אַן ערלעכער מסחר, און זי האָט געפרעגט דעם יידן: זייט איר זיכער אַז איר נאַרט זיך נישט אָב מיסטער? איר קענט זיין זיכער אַז נישט, האָט ער געענטפערט, איר דערלאַנגט דעם פונט, גענומען דעם מאַנטל און מיט שנעלע טריט אַרויס אין גאַס.

זי איז געבליבן שטיין ווי צעטומלטע, עס האָט זיך איר נישט געלאָזט צוגלויבן אַז ער האָט איר טאַקע געגעבן אַ פונט פאַר דער אַלטער שמאַטע. זי האָט דאָס געלט ווידער אַמאָל באַטראַכט, און ווען זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער האָט זי נישט גענאַרט האָט זי אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן, און געטראַכט, וואָס פאַר אַ סופּרייז דזשעק וועט האָבן, ווען ער וועט זיך

דערוויסן. ווי נאָר איר מאַן האָט יענעם אָוונט געעפנט די טיר, איז זי אים אנטקעגן געלאָפן מיט דער גוטער בשורה....

דזשעק, איך האָב פאַר דיר אַ סופּריז, איך האָב היינט געמאַכט אַ גוט געשעפט. האָט זי צופרידן געשמייכלט.

דו אַ געשעפט? האָט דזשעק געלאַכט פון זיין ווייבל. יעס, איך האָב היינט פאַרקויפט דיין אַלטן אָבגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס איז דאָרט אין ווינקל אונטער די טרעפ געלעגן פאַרשטעקט. און האָב פאַר אים באַקומען אַ גאַנצן פונט. האָט זי אים דאָס געלט געשטופּט צו ווייזן אַז זי זאָגט אמת...

אָבער דזשעק האָט שוין דאָס געלט נישט געזען. עס איז אים געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן, און ער איז שיער געפאַלן אין חלשות. גלייך ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט זיין ווייבל אים גענומען מוטשן, ער זאָל איר זאָגן וואָס מיט אים איז געשען. מילא מיט איר אין ער שוין פאַרטיק געוואָרן, ער האָט איר דערציילט אַזאַ ליגן, וועלכן זי האָט אָנגענומען פאַר אַן אמת... דאָס איינציקע וואָס האָט געמאַטערט זיין געוויסן איז געווען אַז ער וועט מער ניט קענען העלפן זיין בעסטן פריינט סיימאָן, ווי ער האָט אים צוגעזאָגט....

## ש. ערנסט

# מחבר פון „לכה דודי" — דער ערשטער ראָמאַנטיקער פון „שבת המלכה"

דער חלום פון דער גאולה און שבת'דיקע מאַטיוון ביי די צפת'ער מקובלים לויט די נייסטע פאָרשונגען פון ד"ר שמעון בערנשטיין

אַ דאָפּלטע מתנה האָט ד"ר שמעון בערנשטיין געגעבן דער נייהעברע־יִשער ליטעראַטור. מיט איין האַנד האָט ער איר געגעבן אַ ריי פאָרשונגען וועגן פאַרגעסענע יידישע גדולים און מיט דער צווייטער אַ ריי לידער־זאַמ־לונגען און אַנטאָלאָגיעס פון אונזערע גרעסטע משוררים אָנהויבנדיק פון ר' יהודה הלוי ביז די יידיש־איטאַליענישע דיכטונג און דער רענעסאַנס עפּאָכע

מיט דער ווזיע פון יידישן רענעסאַנס איז באַהויכט אויך זיין פאָרשונג וועגן די מקובלים און זיינע ווערק „בחזון הדורות" און „שומרי החומות". די פאָרשונג פון קבלה און חסידות האָט זיך ביי אונז פאַרצווייגט. פּראָפ. גרשום שלום, מאַרטין בובער און ד"ר בערנשטיין געהערן צו די מקובלים אונזערע מיטן זעלביקן צוגאַנג ווי די נעאָ־ראָמאַנטיקער פון חסידות י. ל. פּרץ, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און הלל צייטלין זיינען צוגעגאַנגען צו די גדולי החסידות.

ד"ר בערנשטיין זוכט אונז צו באַווייזן ווי אַזוי דער חלום פון דער גאולה שוועבט איבער דער גאַנצער מיסטישער ריכטונג פון ר' ישראל נאַגאַרה דער



תימנ'ער דיכטער ר' שלום שבאזי ביז'ן מאָדערנעם נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן **ביאַליק.**

די „שירי ציון" פון ר' יהודה הלוי זיינען געווען די ערשטע לידער וואָס האָבן אָנגעזאָגט די וויזיעס פון דער גאולה. מיט'ן שיין פון דער גאולה זיינען אַרומגעהילט די געשטאַלטן פון דוד הראובני, שלמה מולכו און שבתי צבי יעדער איינער פון זיי איז אַ משיח־געשטאַלט אין דער יידישער געשיכטע. און אין דמיון פון פאָלק האָבן זיי זיך אַריינגעוועבט.

גאולה־וויזיעס געפינט אויך ד"ר בערנשטיין ביים ערשטן פּייטן פון מחזור ר' אליעזר הקליר און ביים מחבר פון סליחות ר' אמתי בן שפטיה וואָס האָט געלעבט אין איטאַליע צוויי הונדערט יאָר פאַר ר' יהודה הלוי און אפילו שפּעטער ביים מהר"ם מרוטענבערג, וואָס האָט פאַרפאַסט קינות און סליחות, וואָס ענטהאַלטן מאָטיוון פון דער גאולה.

ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן די דאָזיקע פערזענלעכקייטן, וואָס ד"ר בערנשטיין שילדערט פאַר אונז זיינען נישט בנמצא. אָבער לויט זיין צוגאַנג שעפּט ער אַרויס קוואַלן פאַר זייערע ביאָגראַפיעס פון זייערע ספרים און ער זוכט אויך פון די אַלטע פאַרשטויבטע ספרים אַרויסצוקריגן זייער וועלט־באַנעם.

**דער** פראַנצויזישער עסייאיסט מאַנטעסקיע זאָגט, אַז ביאָגראַפען באַגיין אַ פעלער דערמיט, וואָס שרייבנדיק די לעבנס־געשיכטע פון גרויסע פּער־זענלעכקייטן זוכן זיי דאָקומענטן און אַרכיוון, בעת דער בעסטער קוואַל איז דער מייסטער און זיין ווערק. ביי ר' שלמה אלקביץ'ן לאָזט זיך דערגיין זיין לעבנס־בליק און וועלט־אַנשויאונג פון זיינע ספרים „מנות להוי" אויף מגילות אסתר און „שורש ישי" אויף מגילת רות. ווי ביי די אַנדערע מקובלים איז אויך ביי אים צונויפגעבונדן די ראַליע פונם מענטש, פונם יחיד, מיט דעם פּראָבלעם פון דער ראַליע פון פאָלק ישראל. „גאָט ברוך הוא, דאָס פאָלק ישראל און תורה — איז איינס" — דאָס איז אויך דער אַפאָריזם פון ר' שלמה אלקביץ. זיין תפילה „לכה דודי" איז אָבער דער פּאָעטישער אויסדרוק פון גאולה־געדאַנק. און דערפאַר טאַקע ווערט אַזוי גיך די תפילה „לכה דודי" פּאָפּולער בכל תפוצות ישראל אין די ווייטסטע ישובים אפילו אין אַ פאַר־וואָרפן דאָרף ערגיץ וואו האָט יעדער ייד יעדן פרייטאָג געפילט דעם תענוג פון אָנקומען פון דער „פּרינצעסין שבת" און אויסגעדריקט זיינע געפילן אין דער תפילה פון „לכה דודי".

ס'זיינען אַוועק הונדערטער יאָרן, די צייטן זיינען געווען ביטערע, פול מיט גזירות און רדיפות. די שונאי ישראל דערנייען יידן די יאָרן. מען איז נישט זיכער מיטן לעבן. אָבער אַ ייד וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם יאָך פון וואָכעדיקייט אַז ס'קומט נאָר אָן דער הייליקער טאָג שבת. ער קומט אין שול אַריין און איז מקבל שבת מיט דער תפילה „לכה דודי לקראת כלה", וואָס וואָרצלט זיך טיף איין אין דעם האַרץ פון פאָלק.

ד"ר בערנשטיין ווייזט אָן אַז דער גאולה־געדאַנק איז ווי אַ שטאַרקער

בוים טיף איינגעגראָבן מיט אַלע וואָרצלען אין דער פּעטער ערד פון יידישער געשיכטע. ער שילדערט פאַר אונז דאָס לעבן און שאַפן פון ר׳ שלמה אלקביץ ווי אַ רינג אין דער קייט פון יידישן מיסטיציזם, וואָס שנירעלט זיך דורך דער יידישער געשיכטע פונעם יידישן אַפּאָקאַליפּסיק. די דאָזיקע מיסטישע פונקטן שימערן איבערן תהום פון דורות. אַט דוכט זיך אַז זיי זיינען ערגיץ פאַרשטעקט און פאַרדעקט אין אַש און פּלוצים פלאַקערן זיי אויף אַליאַרמירענדיקן געשריי און מיט אַ וויזיע פון דער גאולה.

## אַ מקובל אַ טרוימער וואָס זוכט אַ פּתרון

ס׳איז אַ זומער אין דערפרי. עפּעס טוט אַ צי די מאָרגנדיקע וועלט. ס׳שפּרייזט אום אַהין און אַהער דער מקובל אין צפת מיט אַ צופלאַקערטן געפיל פון דבקות צום בורא־עולם.

אַ הייליקע פייער ברענט אין זיין האַרצן. עס פּלאָגן אים מחשבות. עס זיינען פאַר אים נאָך אַלץ אומקלאָר זיינע וועגן. די געסלעך די צוקרימטע פון דער הייליקער שטאָדט צפת, זיי זיינען נישט בכח אים צו פאַרענטפערן דעם סוד פון „אחדות הבורא“. פראַגן עגבערן אין מוח: „מה למעלה, מה למטה? עס ווילט זיך אים פרעגן עטלעכע שאלות ביים גרויסן מקובל ר׳ יצחק לוריא.

דער ים, ער הויבט זיך אויף. ער וויל פאַרשווענקען די יבשה און די נייע וויטענישן ערגיץ דאָרט וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אין דעם טאָג וואָס די „גולי ספרד“ זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניען. צי איז עס אַן „אצבע אלקים“ נאָטס אַ צייכן אַז פאַרוואָגלטע יידן וועלן דאָרט אַמאָל האָבן אַ מקום־מנוחה?

יאָ, עס קייקלט זיך פאַר אים אַ חלום און ער זוכט אַ באַשייד. און אַט שפּאַצירט ער אום איבער די בערג פון כנען. אַ מואַדזין פון אַ דערבייאיקן מוסולמענישן מעטשעט קלינגט אויס דעם תפילת־השחר בלויאויגיק און טרויעריש קוקן צו אים אַראָפּ פון אויבן די בערג אַרום. ווי שען איז דער ריינער טראָפּן טוי ווי שען וואַרפן זיך דאָ די קאָלירן און אַט בלאָנדזעט ער אַזוי אַרום צווישן די פעלזן מיט צוגליטע אויגן און זוכט אַ פּתרון צו ערד אַלטער חידה־וועלט.

## די געשיכטע פון זיין עלענטן לעבן

אינם לעבן וואָס ד״ר בערנשטיין דערציילט, שטייט ער ר׳ שלמה אלקביץ אינגאַנצן אין אַ שאָטן. אין דעם לעבן זיינעם זעט ער אַלץ אַרום זיך ווי סודותדיקע אַלעגאָריעס. געבוירן אין סאַלאָניק אַרום 1500 ריכט ער אָפּ גלות און וואַנדערט אום פון שטאָדט צו שטאָדט. מיר טרעפן אים אין סמירנע און אַדריאַנאָפּאָל און שפּעטער אין צפת די הויפּט קוואַרטיר פון די מקובלים. דעם לעצטן טייל פון זיין לעבן אַן ערך אַ יאָר 25־30 האָט ער פאַרבראַכט אין צפת, וואו ער האָט פאַרנומען אַ באַרייטנדן פּלאַץ צווישן די גרויסע בעלי־



קבלה. ער האָט פאַרפאַסט מערערע חבורים. פּירושים אויף שיר השירים און אַנדערע טיילן פון תנ״ך. אָבער קיין באַזונדערס וויכטיקע פּאָזיציע האָט ער מיט זיינע ספרים אפנים נישט ערוואָרבעט אין דער קבלה־ליטעראַטור. ער האָט אויך פאַרפאַסט פון צייט צו צייט עטליכע תפלות, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן אין מאַנכע ספרדישע סידורים אָבער אויך אויף דעם ליטורגישן געביט איז ער נישט געוואָרן קיין באַזונדערע באַרימטקייט. איינציק און אַליין מיט דער לכה דודי תפלה האָט ער גענומען די גאַנצע יידישע וועלט מיט שטורם.

אין צפת פערבראַכט ער זיין לעבן אין חלומות. אמשטאַרקסטן האָט געפלאַקערט זיין באַגייסטערונג פאַר דעם טרוים פון דער גאולה. דער גאולה־מאָטיוו לויפט אַדורך אין דעם שיר „לכה דודי“. דער בעל־חלומות שילדערט דאָ, ווי ד״ר בערנשטיין בעטאָנט ריכטיק, די האָפנונג פון דער גאולה פאַר דער יידישער אומה.

„דער לכה דודי געזאַנג איז אַן אויסדרוק פון גרויס פרייד איבער דער פאַרווירקלעכטער גאולה פון דער יידישער אומה. ירושלים איז אויפגעשטאַנען פון איר טרויער און מיט איר זיינען אויפגעשטאַנען אין שמחה און אויפלעבונג די צושפּרייטע זין פון אַלע פיר טיילן פון דער וועלט. אַ טיפער פייערדיקער עקסטאַז שפּרינגט אַרויס פון יעדער שורה און רופט אויס טרייסט און פאַרזיכערונג און אַ גליקליכן אַנזאָג. אַ נייע אומה ווערט באַשאַפן פון גאָט׳ס ליוב און באַלויכטן פון זיינע שטראַלן. אַ פרעליכע און אַ גליקליכע, וואָס בויט אויף די חורבות פון ירושלים אויף צו להכעים די שונאים און צום שרעק און פאַרוואונדערונג פון אַלע פאַרפאַלגער פון ישראל. משיח איז געקומען און דער אַנזאָגער רופט די גליקליכע און באַפרייטע צוזאַמענצוקומען צו פייערן די געטליכע ווידערפאַראייניקונג פון דעם געליבטן מיט זיין געליבטער, פון דעם אויבערשטן מיט דער געליבטער קעניגין שבת. עס איז שווער צו געפינען אַן ענליך פאָלקס־ליד אַדער רעליגיעזן געזאַנג, וואו די העכסטע געפילן פון האָפנונג און פרייד, פון נצחון און גליקזעליקייט זאָלן ווערן אויסגעדריקט אין אַזעלכע קורצע, טיף־שניידענדע און צוגלייך איינפאַכע ווערטער ווי די יידישע תפלה לכה דודי.“

## דער יחיד אין רשות הרבים

ד״ר בערנשטיין באַווייזט אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ שלמה אלקביץ אַז „לכה דודי“ איז געוואָרן שנעל פון אַ „שירת היחיד“ אַ „שירת הרבים“. ער רופט אָן דעם שיר די „יידישע מאַרסעליעזע“. אינם שטורעם פון יענער צייט איז די פּאָפּולאַריטעט פונם „לכה דודי“ געוואַקסן זער שנעל. אויב תחילת איז דער „לכה דודי“ געזונגען געוואָרן פון אַ פּאָר מנינים אויף די פעלדער הינטער צפת, וואו זיי פלעגן, לויט אַן אַלטן מנהג, אַרויסגיין מקבל שבת זיין. האָט אַ פייער אַרומגעכאַפּט אַלט יידישע הערצער.

קליין און גרויס האָבן גענומען די תפלה נאָכזינגען און ווי א פלאַם האָט זי זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע יידישע קהלות אין מזרח און אין מערב. ווען דער לכה דודי געזאַנג איז אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אין די יידישע קהלות אין דייטשלאַנד, אין בעמען ביז צו די פאַרוואָרפענסטע קהלות אין ליטע און פּוילן, איז געוואָרן א שמחה אין די פינסטערע יידישע געטאָס. אין פאַרלויף פון א קורצער צייט. איז נישט געווען קיין בית־מדרש און קיין מנין, וואו מען האָט נישט איינגעפירט די נייע תפלה. בעת זיין תפלה איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער איז אַלקביץ געווען אַן ערך זעכציק יאָר אַלט. ער אַליין האָט זיך וועגן זיין תפלה נישט ארויסגעזאָגט אפילו נישט מיט קיין איין וואָרט און אין דער יידישער געשיכטע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג א רעטעניש פאַר וואָס און ווי אַזוי די דאָזיקע תפילה האָט זיך אַזוי גיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט פון צפת ביז פּראַג און פון פּוילן ביז צו די פאַרלאָרענע יידישע ישובים אין מאַראָקאָ און נאָרד אַפריקע.

---

## א. שומאַנסקי—ג. לעווין (מאָסקווע)

# די יידישע טעמע אין גאָרקיס שאַפונג

(צו מ. גאָרקיס 80־טן געבורטס־טאָג)

אין משך פון זיין גאַנץ שעפעריש לעבן האָט מאַקסים גאָרקי אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צום לעבן פונעם יידישן פאָלק. ער האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט די ווערק פון די יידישע שרייבער. אויפמערקזאַם געלייענט מאַטעריאַלן, וועלכע כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. גאָרקיס פּובליציסטישע אַרטיקלען, זיין עפּיסטאָלאַרישע ירושה באַווייזן, אַז ער איז געווען אויסגעצייכנט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.

אין זיינע אומשטערבלעכע ווערק האָט גאָרקי געשאַפן א גאַנצע ריי נאַציאָנאַלע געשטאַלטן, אין וועלכע ער האָט מיט זיין מעכטיקן קינסטלער־טאַלאַנט אויפגעדעקט מיט אויסשליסלעכער טיפקייט און וואַרהאַפטיקייט די נאַציאָנאַלע כאַראַקטערן. אין אָט דער גאַלעריי פאַרנעמען א קענטיק אָרט אויך יידישע געשטאַלטן.

דאָס ערשטע ווערק, אין וועלכן גאָרקי האָט געשאַפן א געשטאַלט פון א ייד איז „די לעגענדע וועגן דעם יידן". פאַרעפנטלעכט אין „סאַמאַרסקאַיאַ גאַזעטאַ" („סאַמאַרער צייטונג") אין 1896 יאָר.

די „לעגענדע וועגן דעם יידן" איז אָנגעשריבן לויט די מאָטיוון פונעם אַראַביש־יידישן פאָלקלאָר. זי געהערט צו דער גרופּע ראָמאַנטישע ווערק פונם יונגן גאָרקי, וואָס זיינען פאַראייניקט דורך דער טעמע פונעם שטאַרקן מענטש, וואָס איז באַהערשט פון גרויסע לײדנשאַפטן. זוכט דעם וועג צו מענטשלעכן גליק. דעם זיג פון מענטשלעכן גליק האָט גאָרקי איינגעזען אינעם שטענדיקן



אָנגעשטרענגטן זוכן דעם אמת.

א געשטאַלט פון א יידן האָט גאָרקי בולט געמאָלט אין דער דערציילונג „קאַין און אַרטיאָם", וואו עס איז באַטאָנט די הומאַניסטישע אידייע פונעם רעוואָלוציאָנערן קינסטלער וועגן דער ווירדע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

דאָס געשטאַלט פון א יידן קין געהערט צו גאָרקיס גאַלעריי מענטשן וועלכע פאַרמאָגן גרויסע גייסטיקע מעגלעכקייטן, מענטשן וואָס אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן זיי געקאָנט ווערן פולווערטיקע מיטגלידער פונעם קאָלעקטיוו. בא דער קאַפּיטאַליסטישער **אָרדענונג אָבער אין די באַדינגונגען** פון נאַציאָנאַלן דרוק, ווערן קין און אַזוינע ווי ער אָראָפּגעשליידערט ביזן סאַמע דעק פונעם לעבן און האָבן נישט די עלעמענטאַרע באַדינגונגען פאַר מענטשלעכער עקזיסטענץ.

א גרויסן איינדרוק מאַכט גאָרקיס דערציילונג „פּאָגראָם", אָנגעשריבן לויט פּערזענלעכע דערינערונגען. די דאָזיקע דערציילונג שילדערט דעם פּאָגראָם אין ניזשני נאָווגאָראָד אין 1884.

פאַר אָט דער דערציילונג, וואָס אָטעמט מיט הויכן הומאַניזם, איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס גאָרקי האָט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו באַווייזן א יידן, וועלכער פּרוּווט קעמפן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

די יידישע טעמע געפינען מיר אויך אין גאָרקיס קליינער נאָוועלע „דאָס יינגל", אָפּגעדרוקט אין 1916 אינעם זאַמלבוך „שטשיט" („שילד"). די דאָזיקע נאָוועלע איז אויך געווידמעט דער טעמע פון מוט. נישט איין מאָל האָב איך אין מיין לעבן, אין שווערע טעג מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט דעם מוט פונעם יינגל, — האָט געשריבן גאָרקי אין 1915. — און איצט, אין די דאָזיקע טרויעריקע טעג פון די ליידן און בלוטיקע קריוודעס, וועלכע פאַלן אויפן גרייזן קאָפּ פונעם אוראַלטן פאָלק... דערמאָן איך דאָס יינגל, — ווייל ער איז פאַר מיר די פּערזאָניפיצירונג גראָד פונעם מוט פון א מענטשן, — ניט פונעם ביינעוודיקן געדולד פון א שקלאַף, וואָס לעבט מיט אומקלאָרע האָפענונגען, נאָר פונעם מוט פון א שטאַרקן, וואָס איז איבערצייגט אינעם זיג".

אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געשריבן די דערציילונג „דאָס יינגל", האָט גאָרקי געאַרבעט איבערן סאַטירישן ציקל „רוסישע מעשהלעך", אין וועלכע עס האָט זיך ווידער אָפּגעשפּיגלט די יידישע טעמע.

אין די דאָזיקע „מעשהלעך" האָט גאָרקי אין א שאַרף סאַטירישער פאָרם געגעבן א טויט־שלאָגנדיקע קריטיק די פינצטערסטע זייטן פונעם צאַרישן רעזשים און די אַנטפּלעקונגען פון דער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע. סך־הכל אויף עטלעכע זייטלעך האָט גאָרקי זיך איינגעגעבן אויפצודעקן מיט קאַרגע גראַמעסק־מיטלען דעם תוך פון דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאַריזם, די קלאַסן־יסודות פון דער דאָזיקער פּאָליטיק.

גאָרקי האָט זיך אָבער ניט באַגרעניצט מיט דעמאַסקירן די זעלבסט־הערשונג. אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאָגראָמען. ער האָט בולט באַוויזן אויך די

לאַקייאישע ראָליע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געפּרואווט אי ניט ווידערשפּעניקן, די באַלעבאַטים, אי אָפּהיטן שטאַט. „אויסער די פּני", דער אָרטיקער באַפעלקערונג און די יידן, — האָט ער געשריבן, — זיינען אויך ניט צו דערלאָזן קיין אומרוען און איינשטילן די ליידנשאַפטן געווען אין יענער מלוכה גוטע לייט, און נאָך יעדן פּאָגראָם פלעגן זיי, פאַרזאַמלענדיק זיך אין זייער גאַנצער צאָל — 16 מענטשן, — דערקלערן דער וועלט אַ שריפטלעכן פּראָטעסט. . . ."

גאָרקיס אינטערעס צו די יידן האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אין דעם ווערק, וואו דער צענטראַלער העלד איז אַ ייד — אַ רעוואָלוציאָנער, אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק. מיר ריידן דאָ וועגן גאָרקיס גלענצנדיקן סצענאַרי „דאָס לעבן פון איינעם אַ יידן", וועלכער האָט זיך פאַרהיט אינעם שרייבערס אַרכיוו.

מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ ספּעציעל ווערק וועגן אַ יידן אַ קעמפער האָט גאָרקי זיך אַרומגעטראָגן אין משך פון אַ סך יאָרן.

נאָך אין 1901 האָט גאָרקי געשריבן צו זיין פריינט וו. פּאָסע: „די לעצטע צייט בין איך זיך צונויפגעגאַנגען מיטן יידנטום. איך האָב בדעה צונויפצוגיין זיך נאָך נעענטער, שטודירן זיי און עפּעס אָנשרייבן". אינעם זעלבן יאָר 1901, באַלד נאָכן אָנשרייבן זיין דראַמע „מעשטשאַניע", האָט גאָרקי אינטענסיוו געאַרבעט איבער אַ ווערק וועגן אַ יידן קעמפער. אין אָקטאָבער 1901 שרייבט ער צו ק. פּיאַטניצקין: „מאָרגן הייב איך אָן אַן אַנדער פּיעסע. איך וועל זי אָנרופן „דער ייד". אָט די וועל איך אָנשרייבן. איך וועל זי אָנשרייבן ווי עס דאַרף צו זיין איך גיב אייך מיין וואָרט... זי וועט זיין פּאַטעטיש. זי וועט פאַרפלאַנצן ליידנשאַפט. אין איר וועט זיין אַ העלד מיט אַן אידעאַל.— איר פאַרשטייט ? אַ סעמיט הייסט אַן אָנגעגליטער טעמפּעראַמענט. אַ סעמיט, וואָס גלייבט אין דער מעגלעכקייט פון גליק פאַר זיין דערשלאָגענעם פאָלק; אַ סעמיט, וואָס שטראָפט ווי אליהו. אויף מיין וואָרט, דאָס וועט זיין גוט. יעהאָווא, אויב ער עקזיסטירט נאָך, וועט זיין מיט מיר צופרידן".

אין יענעם פּעריאָד האָט זיך אָבער גאָרקינען ניט איינגעגעבן צו רעאַליזירן זיין פאַרטראַכט. ער קערט זיך ווידער אום צו דעם דאָזיקן געדאַנק אין די יאָרן, ווען ער האָט געשריבן „די מוטער".

אַרבעטנדיק איבער דעם דאָזיקן שעדעווער זיינעם, האָט גאָרקי געהאַט בדעה צו שרייבן אַ פאָרטזעצונג פון אָט דעם ווערק — „דער זון". וואו דער שווערפּונקט זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן פונם געשטאַלט פון דער מוטער אויפן געשטאַלט פונעם זון — אויף פּאַוועל וולאַסאָוון. דער שרייבער האָט געהאַט בדעה צו באַווייזן דעם ווייטערדיקן גורל פונעם פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט אַ גרויסן אינטערעס גאָרקיס בריוו צום קריטיקער לוואָוו — ראָגאַטשעווסקי, וואו ער שרייבט: „די ראָליע פונעם יידן אין דער רעוואָלוציע וועל איך פּראָבירן שילדערן אין דער דערציילונג „דער זון". זי וועט זיין די פאָרטזעצונג פון דער „מוטער".



צום באַדויערן, האָט גאָרקין זיך נישט איינגעגעבן צו רעאַליזירן אויך זיין פּלאַן פון אָנשריבן די דערציילונג „דער זון". פונדעסטוועגן האָט ער זיין פאַרלאַנג צו שאַפן אַ געשטאַלט פון אַ יידן אַ קעמפער פּאַרט רעאַליזירט. — ער האָט אָנגעשריבן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, דעם סצענאַרי פאַר אַ קינאָ־פילם אונטערן נאָמען „דאָס לעבן פון איינעם אַ יידן". דאָס דאָזיקע ווערק האָט מען געפונען אינעם שרייבערס כתבים נאָך זיין טויט. דער סצענאַרי איז אָנגעשריבן געוואָרן אומגעפער אין 1922. אויסער דעם טעקסט פונעם סצענאַרי גופא, איז אינעם אַרכיוו פאַראַן אויך אַ „סכעמע פון אַ סצענאַריום". דאָס איז אַן ערשטער עסקיז פונעם ווערק. די סכעמע האָט אַ גרויסן אינטערעס, ווייל גאָרקי האָט אין איר דייטלעך פאָרמולירט יענע אידייאישע אויפגאַבן, וועלכע ער האָט פאַר זיך געשטעלט אין זיין אַרבעט איבערן סצענאַרי. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אַן אינטערעס אויך דערפאַר, ווייל אין אים גיט גאָרקי זיין אויטאָרישע כאַראַקטעריסטיק פונעם צענטראַלן פּערסאָנאַזש פונעם סצענאַרי, אַן אַרבעטער אַ ייד, אַ רעוואָלוציאָנער אַברם: „אין זיין געשטאַלט, — האָט געשריבן גאָרקי, — וועט געגעבן ווערן אַ טיפּ פון אַן אומבאַמערקבאַרן, באַשיידענעם העלד, פון אַ מענטשן, וועלכער געהערט צו יענע, וואָס מיט זייער לעבן און טויט האָבן זיי געאַרבעט פאַר אַנדערע, נישט וואַרטנדיק אויף באַלוינונגען, נישט האָפנדיק אויף פּערזענלעכן גליק".

גראָד אַזאַ געשטאַלט וואַקסט אויס פונעם סצענאַרי „דאָס לעבן פון איינעם אַ יידן". גאָרקי שילדערט די שווערע קינדהייט פונעם יידישן יינגל אַברם. ווייטער גייען סצענעס פון אַברמס אַרבעט ביי אַ שמיד. דערנאָך זעען מיר אַברם'ען צוזאַמען מיט פאָרגעשריטענע רוסישע אַרבעטער אויף אַן אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער פאַרזאַמלונג. מען אַרעסטירט אים. ער ווערט פאַרשיקט קיין סיביר. די נסיונות פאַרהאַרטעווען דעם יונגן רעוואָלוציאָנער. ער אַנטלויפט פון סיביר, קומט קיין מאָסקע, וואו ער באַגעגנט זיך מיט דער רעוואָלוציאָנערער אונטערערד, אַרבעט אין אַן אונטערערדישער דרוקעריי, ווערט אַ באָלשעוויק. אַברם גיט אָפּ אַלע זיינע כוחות דעם קאַמף פאַר גליק פונעם פאָלק. לשם די נאָבעלע אידייען פון באַפרייען דאָס פאָלק פון אונטערן יאָך פונעם צאַריזם זאָגט זיך אַברם אָפּ פון פּערזענלעכן גליק. דער סצענאַרי פאַרענדיקט זיך מיטן בילד פון דער רעוואָלוציע פון 1905, אין וועלכער אַברם נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל. ביי אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער שוואַרץ־מאה־דיקער דעמאָנסטראַציע, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ פּאָגראָם אויף יידן, קומט אַברם אום.

אָט אַזוי איז באַוויזן דער לעבנס־וועג פון אַ רוסישן יידן, אַן „אומבאַמערקבאַרן, באַשיידענעם העלד", — אַן אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער.

אויך אין זיין פּיעסע „וואַסאַ זשעלעזנאָוואַ" האָט גאָרקי געשילדערט דאָס געשטאַלט פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנער נערקע ראַשעל.

פאַרענדיקנדיק אונדזער קורצן איבערזיכט פון גאָרקיס קינסטלערישע ווערק, אין וועלכע עס איז אַזוי אָדער אַנדערש אָפּגעשפּיגלט די יידישע טעמע, ווילן

מיר דערמאָנען אויך דאָס לעצטע ווערק פונעם גרויסן מייסטער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, דעם ראָמאַן „קלים סאַמגינס לעבן“.

דער ראָמאַן „קלים סאַמגינס לעבן“ איז באמת אַן ענציקלאָפּעדיע פונעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט געניאַלער מייסטערשאַפט האָט גאָרקי געשאַפן אַ גראַנדיעזן לייוונט, אויף וועלכן עס איז געמאָלט די געשיכטע פון די לעצטע 40 יאָר ערב דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אינעם ראָמאַן ווערן אָפּגעשפּיגלט אויך די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער לאַגע פון די יידן אינעם פאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

דעם גרעסטן אינטערעס רופט אַרויס די צענטראַלע פיגור פונעם ראָמאַן — קלים סאַמגין, שילדערנדיק אים אַלס טיפּישן בורזשואַזשן אינטעליגענט, ליבעראַלן פּראָזיטאָר, פּראָוואָקאַטאָר, שטויסט גאָרקי אָפט צונויף קלימען מיט יידן, ער צווינגט אים צו טראַכטן וועגן יידן. דער שרייבער לאָזט ניט איבער קיין ספק, אַז מיר זעען פאַר זיך דעם ערנסטן מוסטער פון אַן אַנטיסעמיט, וואָס שלייערט זיך אין ליבעראַלע פראַזעס.

אין סאַמגינס געשטאַלט האָט גאָרקי צוגענאָגלט צום שאַנד־סלופּ דעם טיפּ פון אַ פאַרעטער, פון אַ פיינט פונעם פאָלק. צוגעשאַרט זיך צו דער רעוואָלוציע אין מאָמענט פון איר אויפשטייג, פאַראַט ער זי באַלד ווי ער דערפילט נאָר אַ געפאַר פּערזענלעך פאַר זיך. סאַמגין איז אַ טיפּ פון יענעם „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער לויט דער נאַטור“, וואָס האָט תכלית־שׂנאה פיינט זיין פאָלק, האָט מורא פאַרן אויפשטייג פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון פאָלק. מיט דעם דאָזיקן האַס איז טאַקע ענג פאַרבונדן אויך זיין האַס צום יידישן פאָלק.

גאָרקי האָט קיינמאָל ניט געקוקט אויפן יידישן פאָלק, ווי אויף אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזם. ער האָט געזען אויך די יידישע בורזשואַזיע, די יידישע באַנקירן און פאַבריקאַנטן, וועלכע אונטערשיידן זיך מיט קיין זאַך נישט פון זייערע מיטברידער פון יעטווידער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט. אין געשטאַלט פון איינעם פון די פּערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן „קלים סאַמגין“, — פּריים, אַ זון פון אַ הוט־פאַבריקאַנט, — האָט גאָרקי באַוויזן אַ פאָרשטייער פון דער יידישער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון לעגאַלן מאַרקסיזם ביז דער קאַדעטישער באַנק אין דער 4־טער מלוכה־דומע.

מען האַלט, אַז באַם שאַפן דאָס געשטאַלט פון פּריימן האָט גאָרקי אין אַ געוויסער מאָס אויסגענוצט די פיגור יאָסיף העסען, סטרוועס און טוגאַן־באַראַנאָווסקיס אַ קאָלעג איינער פון די אָנגעזעענסטע קאַדעטישע לידערס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אין עפּושדיקן זומפּ פון ווייסער עמיגראַציע.

די יידישע בורזשואַזיע אינטעליגענץ איז אינעם ראָמאַן „קלים סאַמגינס לעבן“ פאַרטראַטן אויך דורך זאַכאַר דעפּסאַמעסן, וועלכער דריקט אויס די אָנשויאונגען פון די סאַמע נאַציאָנאַליסטישע, ציוניסטישע קרייזן פון דער יידישער בורזשואַזיע. פאַר זאַכאַר דעפּסאַמעסן איז כאַראַקטעריסטיש די



שאַרף טענדענציעזע, דורכאויס נעגאַטיווע באַציאונג צו רוסן, זיינע אַרויסזאָגונגען זיינען פול מיט שאַרפן האַס צו דער רעוואָלוציע, צום באָלשעוויזם, צו יענער שיין, וועלכע עס ברענגט מיט זיך דאָס אַרבעטנדיקע רוסישע פאָלק.

קעגן פּרייסן און דעפּסאַמעסן איז אינעם ראָמאַן קעגנגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון דער קורסיסטקע ראָזע גרייכמאַן. דאָס דאָזיקע יונגע מיידל שילדערט גאָרקי אַלס אַקטיוון און פּרינציפּיעלן קעמפער פאַר דער פרייהייט פון פאָלק.

עטלעכע זייטלעך אין זיין ראָמאַן האָט גאָרקי געווידמעט די ליידן פון די יידישע פּליטים פון פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער שרייבער געפינט וואַרעמע ווערטער, פול מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע, ביים שילדערן די שווערע לאַגע פון די מענטשן, וואָס האָבן קעגן זייער ווילן פאַרלאָזט זייערע היימען און זיינען אַוועק אין טיף רוסלאַנד, ראַטעווענדיק זיך פון די דייטשן. מיט טיפן האַס שילדערט גאָרקי די צאַרישע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבן זיך איזדעקעוועט איבער די שוצלאָזע זקנים, פרויען און קליינע קינדער.

אין משך פון זיין גאַנצן הערלעך שעפערישן לעבן האָט גאָרקי נישט איינמאָל זיך געווענדעט צו דער יידישער טעמע. ער האָט זייער פיל אויפגעטאָן כדי צו געבן אַ וואָרהאַפטיק געשטאַלט פון אַ רוסישן יידן אַ בירגער פון זיין היימלאַנד.

## יהושע פאַדרוזשניק

# לעאָ קעניג וועגן דער יידישער ליטעראַטור *

קעניג'ס נייעסטע אַרבעט איז נישט בלויז אַן אָפּשאַצונג; ער מאַכט אויך אַ סך הכל פון דעם וואָס איז דערגרייכט געוואָרן ביז היינט. „סך הכל“ מיינט נישט שטענדיק „סוף“, כאָטש עס קען זיין אין דעם אַזאַ אָנצוהערעניש. עס זיינען דאָ צייטן ווען מען מוז דערגיין די „אונטערשטע שורה“. — אָבער העלפט דאָס צו פאַרהיטן פון באַנקראָט.

אויף יעדער זייט פון קעניג'ס בוך געפינען זיך אָנרעגנדע — און אויפרעגנדע — שטעלעס. קעניג צווינגט אייך נאָכאַמאָל איבערקוקן אייגענע פעסט־איינגעשטעלטע מיינונגען. אַליין האָט ער אַ טבע וואָס ער נעמט נישט אָן קיין מטבעות ביז וואַנען ער פּרואווט זיי נישט אויס; ער הערט זיך צו צו זייער קלאַנג — און ער האָט אַ גוטן „הערער“. ער געהער נישט צו די קאַוואַנע קריטיקער וואָס האָבן אַ טבע זיך אַרומצודרייען אַרום די ליטעראַרישע טעפּ און האַלטן אין איין פאַרזוכן אַלץ וואָס ס'קאָכט זיך ביז וואַנען

* פאָלק און ליטעראַטור — פינף לעקציעס וועגן די הויפּט־טענדענצן און די כאַראַקטעריסטיקעס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און אַן אָפּהאַנדלונג „יידיש אין דער מאָדערנער קונסט“. אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט ביים אַרבעטער־רינג, לאָנדאָן.

עס בלייבט זיי נישט קיין אייגענעם טעם אין מויל; ער איז אן איבערסלי־בערישער קינסטלער־קריטיקער וואס באנוגנט זיך נישט מיט מבינות־זאגעריי; קעניג׳ס ליטערארישע עסייען זיינען שעפערישע ארבעטן.

ס׳איז איצט ביי אונז א מאדע — און ס׳איז זייער און זייער פארשטענד־לעך — אז מען זאל אריבערשאצן אסך פון אונדזערע ווערטן. קעניג היט זיך אויס דערפון. ער איז, ווי די ענגלענדער וואלטן געזאגט, קיל ווי אן אוגערקע. ער דערמאנט א סך אן פראנצויזישע אינטעלעקטואלן־סקעפטיקער. ער קאכט זיך נישט, פארהאלט זיך רואיק אפילו ווען ער איז באגייסטערט — מיט א זייער צוריקגעהאלטענעם הומאר און ער שאנעוועט נישט איינעם נאר דערפאר ווייל יענער האט א הויכע רעפוטאציע. צו דעם פראבלעם ייִדישע ליטע־ראטור גייט ער צו ניכטער, ווי א דאקטאר וואס דארף אפערירן אויף אן אייגענעם פריינד: ער קען זיך נישט דערלויבן צו סענטימענטאליזירן; בעת ער דארף שניידן איז רחמנות דא נישט שייך.

קעניג דערמאנט, אז די מאדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראטורן פליסן ארויס פון זעלבן קוואל, און אז דער אונטערגאנג פון די ישיבות פון וואנען די גייסטיקע רעזערוון זיינען געקומען איז כמעט א טויט־קלאפ פאר ביידע. די אנטוויקלונג פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור איז א רעזולטאט פון דער סעקולארער באוועגונג ביי יידן וואס האט געזוכט צו באפרייען דאס אינערלעכע יידישע לעבן פון אירע רעליגיעזע מנהגים, האנט אין האנט מיט איר שטרעבונג נאך אלגעמיינער בילדונג. די צוויי שפראכן האבן זיך צוטיילט מיט זייערע אויפגאבן: יידיש האט געזוכט צו ווירקן אויפן פראסטן הארעפאשנעם המון און העברעאיש אויף די געבילדעטע און פאר מעגלעכע יידישע קרייזן. יידיש איז נישט געווען קיין ציל, ס׳איז געווען א מיטל צו לערנען דאס פאלק.

דערפון נעמט זיך טאקי, לויט קעניג׳ן, וואס די יידישע ליטעראטור האט אנגעהויבן מיט פראזע און איז אין איר ערשטער פעריאדע קודם־כל געווען א רעאליסטישע ליטעראטור, קריטיש, סארקאסטיש, רעוואלוציאנער און די־דאקטיש, בעת די העברעאישע ליטעראטור, וואס האט אפערירט מיט א שפראך וואס מען האט דעמאלט נישט גערעדט, האט אנגענומען הויפטזעכלעך די פארם פון פאעזיע; די מעכטיקע השפעה פון תנ״ך האט אויך געשטעלט דעם העברעאישן שרייבער פאר דעם נסיון זיך צו באנוצן מיט די וואונדערלעכע ביבלישע אויסדריקן וואס האט דערפירט צו מליצה און דאס האט נאך מער אוועקגעשטופט די העברעאישע ליטעראטור פון טאג־טעגלעכן לעבן.

איצט האט זיך דאס רעדל צוריק א דריי געטאן. קעניג באטראכט די סיבות וואס האבן דערפירט דערצו, אז די טענדענץ אין דער יידישער ליטע־ראטור זאל איצט זיין געריכט צו פאעזיע אנשטאט פראזע, נישט נאר צווישן די שרייבער אין מערב־אייראפעאישע ישובים, און באזונדערס איז אמעריקע, נאר אפילו צווישן די וואס קומען פון אונדזערע חרוב־געווארענע היימען, ווי איציק מאנגער, סוצקעווער, גראדע, אהרן צייטלין, כמעלניצקי. דאס זעלביקע



קען מען זאגן וועגן רוסלאנד, ווי למשל, פרץ מארקיש, דער נסתר, איציק פעפער, קולבאק, האפשטיין און קוויטקא.

ער זעט אין דעם א סימן פון ירידה פון דער יידישער ליטעראטור. א פאלקס־ליטעראטור פון בלויז פאעטן איז ווי א מאלצייט פון בלויז קאמפאט. בקיצור, יידיש מאכט איצט דורך דאס מיט וואס די העברעאישע ליטעראטור האט אנגעהויבן. דאס נעמט זיך דערפון וואס יידיש האט אויפגעהערט זיין דער אומיטלבארער קאנאל דורך וועלכן עס פליסט דאס יידישע לעבן; יידיש איז ווי פארפרעמד געווארן אין א סביבה וואו זי איז שוין נישט מער איר אייגענע באלעבאסטע; שרייבער האבן אויפגעהערט שרייבן וועגן דעם לעבן ארום זיך און אנשטאט דעם האבן זיי אנגעהויבן זינגען וועגן דעם אמאל. רעאליזם האט געמאכט פלאץ פאר ראמאנטיזם, ווייל ארום די שרייבער איז נישטא קיין יידישע לעבנס־שטייגער; דאס יידיש וואס זיי שרייבן קלינגט שוין ווי מען וואלט עס גענומען פון די ביכער. אין ענגלאנד און אין אמעריקע רעדט מען שוין נישט אזא יידיש ווי עס שרייבט, למשל, שאפירא אדער אפאטאשו.

דער איבערגאנג צו פאעזיע און ראמאנטיזם האט זיך אנגעהויבן נאך מיט פרץ׳ן. דער גרויסער אינטעלעקטועלער קינסטלער — האלט קעניג — האט דער ערשטער דערפילט די נישט־זיכערקייט פון דער יידישער ליטע־ראטור און שפראך אין גלות און ער האט געזוכט מיטלען ווי אזוי דאס אויפ־צוהאלטן. דערצו האט מען געדארפט אידעאליזאציע פאזיטיווע ווערטן; מען מוז באשיינען און באקרוינען דעם עבר. רעאליזם האט געמיינט זעלבסט־קריטיק, דערזען סיי דאס שלעכטע סיי דאס גוטע, זיין אביעקטיוו. א מינדער־הייטס־ליטעראטור קען זיך אבער דאס נישט דערלויבן. פאר פרץ׳ן איז נא־ציאנאלער ראמאנטיזם געווען א תרופה אויפצוהאלטן יידישע קולטור אין גלות, ווייל ער האט נישט געגלייבט אז דער ציוניזם וועט ווען סאיז פארווירק־לעכט ווערן. קעניג דערציילט דערביי וואס ער האט געהערט פון פרץ׳ס מויל: „ווען מען זאל ביי דער פמליה של מעלה פרעגן, צי די יידן דארפן האבן א לאנד אין דער צייט ווען אלע פעלקער האבן אייגענע לענדער, וועט מען זיכער ענטפערן: „יא“. אבער ווען מען זאל זיי פרעגן צי עס קען פארווירק־לעכט ווערן, וועלן זיי ענטפערן: „ניין“.

ס׳איז טאקי אמת אז פרץ פלעגט זיך אפט איינהערן וואס עס טוט זיך אויפן הימלישן יאריד, אבער מיר דוכט זיך אז דער „ניין“ וואלט זיך געווען ארויסגעכאפט פון עפעס א בונדיסטישן מלאך׳ל וואס איז געשטאנען אן א זייט. און דער מלאך מיכאל וואלט אים אוודאי דערפאר געגעבן א שנעל אין נאז און וואלט אים א זאג געטאן: „ביים זיך אפ די צונג“.

און אויב דער ציוניזם קען נישט פארווירקלעכט ווערן, האט פרץ קיין אנדער עצה נישט געהאט ווי מאכן דעם גלות שבת־דיק. און אין א וועלט פון חלומות איז דער מיטל א פשוטער: עס בלייבט שבת כל זמן מען מאכט קיין הבדלה נישט.

אנטקעגן דעם גרויסן מייסטער פרץ, וועלכער האָט באַנוצט אַ מינימום ווערטער פאַר דער שענסטער טעמע, שטעלט קעניג אוועק שלום אַש'ן, וועלכער איז ווייט אוועק אויפן וועג פון ראָמאַנטיזם און האָט אָנגעשפּאַרט אַזש צו אַפּאָלאָגעטיק. „ביים 'תהלים־ייד' " — שרייבט קעניג — „האָט איר דעם טעם ווי איר וואָלט געגעסן עפּעס וואָס איז צו זיס און איבערגעפּרעגלט אין אַן איבערגעשטאַנענעם בוימל, אַ שמן זית, אַ הייליקער בוימל. איר לייענט דעם בוך און איר ווערט פאַרגאָסן מיט בוימל, עס רינט אייך איבער דער באָרד".

דער נייער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיזם שטעלט מיט זיך פאָר די ירידה־תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור; מען האַלט אין איין אַרומצופּן די יידישע טיפּן כדי צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק ביי די גוים, און די טיפּן קומען אַרויס אונעכט און געקינצלט.

דער איינדרוק אויפן לייענער פון קעניג'ס בוך איז אַז דער מצב פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַ נעפּערלעכער; קעניג גלייבט נישט אין די סגולות פון אַריינלאָזן זיך אין נייע מיסטישע און רעליגיעזע באַוועגונגען; ער פאָדערט רעאַליזם. אַז מען שטייט פאַר אַ תהום — מוז מען אוודאי שטיין מיט אָפענע אויגן.

דער לעצטער קאַפּיטל פון קעניג'ס בוך „יידן אין דער מאָדערנער קונסט" איז מער אַ מאַטעריאַל פאַר ווייטערדיקע דיסקוסיעס ווי ענטפערס אויף די פאַרשיידענע פּראָבלעמען וואָס אַזאַ טעמע רופט אַרויס, אַן אָנרעגונג ווייטער צו קלערן איידער צו דערקלערן. אָבער פונדעסטוועגן באַלייכט ער דאָס פּראָבלעם, דאָ און דאָרט, מיט אַ רמז ווי מיט אַ בליץ. דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער עסיי איז זיין דעפיניציע וועגן דעם ווען מען קען אָנרופן אַ נאַציאָנאַלן יידישן קינסטלער: נישט יידן וואָס זיינען קינסטלער נאָר די וואָס זיינען אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדן מיטן יידישן פאָלקס־לעבן. ער רופט זיי — „בצלאל'ניקעס", כאָטש די מערסטע זיינען אין בצלאל נישט געווען. (קעניג אַליין איז אַן אמת'ר בצלאל'ניק), ווי למשל: שאַגאַל, יאַנקל אַדלער, ריבאַק, יוסף הערמאַן.

בקיצור, ס'איז צוגעקומען אַן ערשט־ראַנגיק ווערק וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"
די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב
צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— 5/6 פּרייז —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.



## ש. י. דאָרפזאָן

# א בוך פון שווידערלעכן אמת

(וועגן ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי'ס „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום")

עטלעכע וואָכן נאָך דער היטלערישער „באַפרייאונג" פון אייראָפּע, האָבן מיר אויף די שפּאַלטן פון דער ניו־יאָרקער „צוקונפט", „יידישן קעמפער", פּאַריזער „אונזער וואָרט" און אין פאַרשיידענע אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם, אומבאַקאַנטן נאָמען, וועמענס פרישער טאָן אין זיינע — איך וויל זאָגן — ליריש־אויסגעטאָקטע זשורנאַליסטישע, ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, האָבן געבליצט מיט פאַרשיידנאַרטיקע פייערלעך פון לאַגיש־דורכגעטראַכטע און שכל'דיק באַנומענע אמתן.

דער נייער אומבאַקאַנטער האָט געהייסן: ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי.

פון דער פּראָפעסיע — אַ מעדיצין־דאָקטאָר, אַ געבוירענער אין ווילנע, וועלכער האָט דורכגעמאַכט און על פּי נס איבערגעלעבט אַלע שבעה מדורי גיהנום אינם ווילנער געטאָ, אַרבעטס־לאַגערן, קאָנצענטראַציע־קעמפּס און אַנדערע פורעניותן.

——עס איז מעגלעך, אַז ד"ר דוואָרזשעצקי, דער טיפּיש־אינטעליגענטער ייד, וואָס אונזער ווילנע, דאָס „ירושלים דליטא", האָט אַרויסגעגעבן, פלעגט „זינדיקן מיט דער פען", ווען ער איז געווען אַ סטודענט און שפּעטער אַלס מעדיצין־דאָקטאָר. אָבער אין פאַרלויף פון די גרויזאַמע יאָרן פון פּיין און ביטערן געראַנגל צווישן לעבן און אומקום, האָט אין אים גובר געווען דאָס באַוואוסטזיין פון זיין וויכטיקן שליחות—צו בלייבן לעבן און דערציילן, נענוי און פּינקטלעך צו דערציילן, אַלס אָנדיינק פון אונזער גרויסן חורבן, וואָס ער האָט אַליין געזען און איבערגעלעבט.

און ד"ר דוואָרזשעצקי האָט געטון זער גלייך, וואָס ער האָט אויסגעטוישט די מעדיצין פאַר דער פען און זיינע רפואות — פאַר זיין גלענצענדער פּעדער.

ער איז אַ גרויסער געווינס פאַר דעם יידישן שרייבער־עמוד, ווייל מאַרק דוואָרזשעצקי האָט וואָס צו זאָגן און מיר האָבן פון אים אַסך צו דערוואַרטן.

*   *   *

„ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום", הייסט זיין נייעסט ווערק (אַרויסגעגעבן פון יידישן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך און יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע), וואָס אַנטהאַלט לערך 500 זייטן.

דאָס בוך פאַרמאָגט אַ גענויען סדר פון די געשעענישן, פאָטאָגראַפיעס און בילדער, מאַפּעס, דיאַגראַמען, דאָקומענטן און דגל., וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן היסטאָרישן צושטייער פאַר אונזער געטאָ־ליטעראַטור.

איבער צוויי יאָר צייט, האָט ד"ר דוואָרזשעצקי געאַרבעט איבער דעם בוך, און עס איז באמת אַ וואונדער, אַז ער האָט אין משך פון בלויז צוויי

יאָר געקאַנט באַוועלטיקן דעם אומגעהויערן אוצר פון מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט געמוזט אויסגראָבן פון זיין אייזערנעם זכרון, וואָס נור „ליטוואַקעס" זיינען גרויסע בריות דערויף.

דוואָרזשעצקי איז נישט קיין שילדערער און דערציילער, בלויז כדי יוצא זיין פאַר זיך און פאַר דער געשיכטע, וועגן דעם יידישן לעבן אין ווילנער געטאָ. פאַרקערט: ער באַמיט זיך די געשעענישן צו באַלויכטן און דערקלערן, כדי מיר זאָלן פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין און באַנעמען די טראַגעדיע פון צענדליק טויזנטער אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט, געקעמפט — גייסטיק געקעמפט — קעגן דעם מערדערישן נאַצי־שונא.

קעמפן מיט געווער קעגן דעם שונא, איז געווים ווירקזאַמער און עפעקט־פולער ווי צו קעמפן קעגן אים מיט אַ גייסטיקן כלי־זין. אָבער אָפטמאָל איז דער גייסטיקער קאַמף קעגן דעם באַדריקער שטאַרקער, ווי דער פיזישער נעוואַלט.

סאַניטאַרע היגיעניע, שול־וועזן, ליטעראַטור, טעאַטער, כל־ערליי פאַר־לעזונגען, הומאָר און פאָלקלאָר, פּראָדוקטיוויזאַציע און צענדליקער אַנדערע סאָציאַלע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין ווילנער געטאָ, וועלכע דער מחבר שילדערט אין זיין בוך מיט אַזויפיל בילט'ער לעבעדיקייט — צו איז דאָס נישט געווען קיין ווירקזאַמער קאַמף קעגן דעם נאַצי־שונא? האָבן דען די נאַצישע תלינים דערמיט גערעכנט, אַז די הונגעריקע, קראַנקע און פיזיש־אויסגעמאַטערטע יידן אין די געטאָס, וועלן זיין פיזיש און גייסטיק בכח — פאַרצוזעצן זייער קאַמף קעגן דעם מורא'דיקן אומקום?!

* * *

איך דערמאָן מיך אין אַן אַרטיקל, וואָס ד"ר דוואָרזשעצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין די ווינטער־חדשים פון יאָר 1945 אין וועלכן ער האָט געוואַגט, שוין דעמאָלט (קוים עטלעכע חדשים נאָך דער „באַפרייאונג"), צו שטעלן די טרויעריקע פראַגע אָפן און קלאָר, מיט אַ ממש „ברוטאַלער" אָפענהאַרציקייט:

צו איז מעגלעך, אַז געטאָס, קרעמאַטאָריעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַנדערע מיני מאַרדאָוואָניעס זאָלן ווערן אויפגעשטעלט קעגן דעם יידישן שארית־הפליטה, זאָגן מיר אין אַ פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער?

צו איז דאָס מעגלעך?

מיינע לאַנדאַנער פריינט, ווען איך האָב געוויזן דאָס דאָזיקע אַרטיקל, האָבן ממש אויפגעשוידערט פון ד"ר דוואָרזשעצקי'ס פראַגע און אים באַצייכנט אַלס אַ „היסטעריקער". וועלכער זעט די לאַגע שוואַרץ אין טרויעריק; אַז ער ווערט פאַרפאַלנט פון אַ געשפּענסט, ווייל ער גלויבט נישט אין דעם גוי'אישן יושר לגבי יידן, וכדומה.

אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר, זיינען די זעלבע אָפּטימיסטן (מכח אַ „בעסערע, שענערע און יושר'דיקער וועלט"), געוואָרן „מאַמינים"



פון ד"ר דוואָרזשעצקי'ס ביטער־גאַליקן אמת!

„געדענק די קאַטאַסטראָפע פון ישראל — געדענקט דעם קאַמף און דעם אומקום — און לערן פון זיי אַ לערע.

„און זאָל דאָס געדענקען זיין דיר אַ באַגלייטער, ווען דו גייסט אין וועג, ווען די שלאָפסט און ווען דו וואַכסט אויף" — —

מיט די דאָזיקע זאַצן, וואָס יאָמערן ווי אַ מאַנער און בעטער, פאַרענדיקט ד"ר דוואָרזשעצקי זיין סטאַנדאַרט־ווערק וועגן דעם קאַמף און אומקום אין זיין און אין אונזער אַלעמענס טייערער „ירושלים דליטא".

דאָס דאָזיקע ווערק, געשריבן מיט אַזויפיל פּיעטעט און שריפטשטעלערישער קדושה, שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָנומענט פאַר דעם ליטווישן יידנטום, די קרוין פון אונזער פאָלק, וואָס דער נאַציזם האָט פאַרניכטעט.

בלויז יחידים, האָבן זיך געראַטעוועט פון אומקום און צווישן זיי — דער מחבר דוואָרזשעצקי, וואָס האָט אַ דאַנק זיין ווערק געשטעלט אונזערע הונדערטער טויזנטער ברידער און שוועסטער אין ווילנער געטאָ — אַ ווירדיקע מצבה!

עס איז אַ בוך פון אַ שוידערלעכן אמת, וועלכן מען דאַרף לייענען און לייענען און די געשעענישן באַהאַלטן אין אונזער זכרון — כדי צו געדענקען די קאַטאַסטראָפע פון ישראל אין ווילנער געטאָ, געדענקען זיין קאַמף, און אין זיין מוראַדיקן אומקום!

---

יעקב פערנבאַך (ירושלים)

## מען איז שוין איצט נישט אַזוי זשעדנע אויף קיין בוך אין ארץ ישראל*

ווען ס'האָט ענדליך אויסגעקלונגען די שעה פון איבערשמידן די אַקער אייזנס אויף שווערדן האָבן זיך דערצו גענומען אונזערע חלוצים מיט'ן גאַנצן ערנסט פון דער צייט.

אין הארץ פון דער נאַכט, ווען די זילבערנע שטערן פינקלען ווי די דימענטן איבער די הימלען פון הייליקן לאַנד קענסטו זיי זען ווי זיי באַגלייטן די אויטאָ קאַראַוואַנען איבער די זאַמדיקע וועגן און שטעגן.

דאָך גייט דאָס לעבן דאָ אַן ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. די געשעפטן זיינען אָפן אומעטום און פול מיט סחורות, די רעסטאָראַנען זיינען פול אַנ-

---

* ס'לעבן גייט אַן אין נאַרמאַל אין די שטעט און אין די קאָלאָניעס. — דער עולם איז אָבער שוין נישט אַזוי זשעדנע אויף אַ בוך ווי פריער. — פאַקטן און ציפערן פון העברעאישן פאַרלאַגס־וועזן און יידישן לאַנד.

געפּאַקט מיט ציווילע מענטשן און מיט מיליטער, קינדערלעך לויפן אין דער פרי אין דער שול און בני־תורה גייען זיך בנעימות'דיק אין די ישיבות, די טעקסים פאָרן און די אָמניבוסן, זיי לויפן אין אַלע ריכטונגען.

דאָך פילט זיך עפּעס אַ שינוי אין איניקע זאַכן און איינס דערפון איז דער ביכער־מאַרק.

קולטור און ביכער אין ארץ־ישראל זיינען אַ שם דבר אין דער וועלט. די צאָל פון העברעאישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע יאָרן איז ממש לעגענדאַריש. ס'איז צו זאָגן אַז יעדער טאָג פלעגט אַרויסגיין דריי ביז פינף ביכער. און די אַרויסגעבער, די פּאַבלישערס זיינען סיי די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס ווי „מוסד ביאליק", „מוסד הרב קוק", „עם עובד", די פּאָליטישע פּאַרטייען ווי „ספרית הפועלים" א.א.וו. און סיי פּריוואַטע פּערזאָנען ווי מרדכי ניומאַן, צ. ליינמאַן, נ. טווערסקי. די הענט פון שרייבער זיינען נישט מיד געוואָרן שרייבענדיק. איבערזעצער ווי ב. קרופּניק, פּ. גינצבורג און אנד. זיינען געווען שטענדיק פאַרוואָרפן מיט אַר־בעט. און אַ חוץ די ביכער האָבן די צייטונגען אָנגעהויבן צו געבן ליטעראַרישן מאַטעריאַל און אפילו אַזאַ אָונט צייטונג ווי „ידיעות אחרונות" האָט יעדע וואָך אַ ליטעראַרישע בייל̈אַגע, רעדאַקטירט פון ג. שאָפמאַן.

די בליציייט פונם פערלאַגס וועזן גייט איצט איבער אַ קריזיס. עס פעלט איצט ביים עולם די התרוממות־הנפש וואָס איז נויטיק בכדי זיך איינצוקויפן גייסטיקע שאַפונגען. האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ גערעטעניש אויף אַנטאָלאָ־גיעס. חיים תורן האָט אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון ליבע לידער אין העב־רעאיש פון שיר השירים ביז חיים אלחנן. יצחק ווערפעל — אַן אַנטאָלאָגיע פון חסידות פון בעל שם טוב ביז ר' צדוק פון לובלין. אַ חוץ אַנטאָלאָגיעס איז דאָ מזל־ברכה פאַר קריגס־ליטעראַטור די העברעאישע ביכער „עם במלחמתו". „גנבים בלילה". די געשיכטע פון דער יידישער בריגאַדע פון קאַפּיטאַן ליפּשיץ און ענליכע ביכער זיינען „בעסט סעלערס" אין לאַנד.

איניקע אויסנאַמען זיינען אויך פאַראַן צווישן די לידער ביכער און דראַ־מעס, וואָס פאַרמאָגן אַן אידעאישן אונטערשלאַק. פילאָזאָפישע ביכער, וואָס זיינען געשריבן פון בעקאַנטע מחברים, וואָס זיינען באַליבט ביים עולם.

אָט פאָר איך איצט מיט אַ שיירה פון אַן אויטאָ־קאַראַוואַן פון ירושלים קיין תל־אביב. אונזער אויטאָ שניידט איבער די באַן־רעלסן איבער'ן שאָסיי. ס'גייט אָן אַ שיסעריי פון אַראַבער פון נאָענטן דאָרף. איינער פון אונזערע מיטפאָרער, אַ באַקאַנטער העברעאישער דיכטער נעמט אַרויס אַ העברעאישן בוך „יצירת האדם" אַ מיסטעריע וועגן אדם הראשון פון זכריה הערשמאַן. ער לייענט פאַר אונז פאַר עטלעכע ווייטלעך און מיר זיינען נשתומם געוואָרן פון שטוינונג. עפּעס פּאַסט זיך די מיסטעריע הערשמאַנס צו צו דער איצטי־קער אומעטיקער צייט. ס'שפּיגלט זיך פאָרן לעזער אָפּ דער אייביקער קאַמף פון קין מיט הבל'ען.



# דער מחבר, אַ טשיקאַווער טיפּ וואָס האַלט זיך אויף אין דער מערה פון די סנהדרין אין ירושלים
# די צרות וואָס ער ליידט איצט פון די אַרומיקע אַראַבער

די הייליקע שטאָדט ירושלים פאַרמאָגט טשיקאַווע טיפּן פון שרייבער מער פון אַנדערע שטעדט. בעת צפת שטאָלצירט מיט'ן דיכטער יוסף צבי רימון, וואָס דער „עם עובד" האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך „בתרים", וואָס ער איז קושר קרוינען פאַר דער שכינה, שטאָלצירט אַלט־ירושלים מיטן רעלי־גיעזן דיכטער זכריה הערשמאַן אַ טיפּ אַן אָריגינאַל, וואָס פאַרפאַרמאָגן באַ־וואונדערן זיין חריפות און בקיאות אין אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

זיין שפּרודלדיקע פאַנטאַזיע און זיין פּאָעטישער טאַלאַנט קומען צום אויסדרוק אין זיינע מיסטעריעס „עם חשכה" און „יצירת האדם" אַרויסגעגעבן דורכן „פערלאַג „שור", וואָס גיט אויך אַרויס די מערקווירדיקע דראַמעס פון נעאָ־פוטוריסטישן דיכטער חיים אלחנן (י. ח. בן־דור).

די פּאַסירונגען איבערלעבונגען און מאָמענטן וואָס הערשמאַן שילדערט אין זיינע לויפיקע נאָטיצן, וואָס ער דרוקט אין זשורנאַלן גיבן נישט דעם לעזער קיין באַגריף פונם טיף־טראַגישן אמת, וואָס לויפט אַ דורך אין זיינע מיסטעריעס.

„די שפּראַך איז די פּען פון הארצן" — אָט דאָס האָט אַמאָל געזאָגט אונ־זערער אַ קדמון, רבנו בחיי, אין זיין באַרימטן ספר „חובת הלבבות", אויך הערשמאַנס לשון איז אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון אַ ייד אַן איינזאַמען אין די היילען פון די סנהדרין אין ירושלים.

„גיי, גייסט מיינער, גיי אויף די אָפענע וועגן.
גיס אַ טרער אויף די פעלזן פון כנען
קלעטער איך אויף אַ פעלז
און אין מיין הארצן זינגט זיך
מעפיסטאָפו, ער לאַכט פון מיין געזאַנג"....
„כ'בין מיר אַ מתבודד, אַזאַ שווייגער
זיץ איך אין די מערה פון די סנהדרין
זיץ און לערן די גמרא „מכות"
שפּאַציר איך אום און באַוואונדער גאָטס יצירה.
כ'קוק זיך אום — אַ צעפלאַקערטע סטייע פון פייגלען
אין חלל־האויר זעט זיך פאַרנאַכטן־גינגאָלד
זיץ איך און קוק אויפן זון־פאַרגאַנג
פונוויטענס קלינגען אוים גלאָקן אַ תפילה אין אָונט
פרום ענטפערן די פייגלען באַלד זיי אָפּ
און איך נאָר קוק אַרויף אויף די שטערן
קוק און זע ווי ס'גייען אַזוי די
מזלות אַריין אין „אין סוף" — — — —

א נע ונד'ניק אין דער וועלט פון דער מחשבה — אַט אַזאַ איז זכריה הערשמאַן, וואָס איז דער אויסדרוק פון גערანגל פון נייעם אינטעליגענט, וואָס פאַרלאָזט דאָס נייע אייראָפּע און פאַרקריכט אין דער וועלט פון די מקובלים.

עס דערמאָנט זיך מיר מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט, מיט אים בעת א יונגערמאַן האָט אין דעם זאַל פון דער „התאחדות בני הישוב" אין תל־אביב פאַרגעליינעט און מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט א פראַגמענט פון זיין דראַמע „עם חשכה" און בעת דער מחבר אַליין, זכריה הערשמאַן איז אַרויף אויף דער בימה האָט ער אויסגעגאָסן דאָס האַרץ זיינס אויף די פּאַמילאַרע פּערים מיט וועלכע ס'איז פאַרקניפּט די ליטעראַרישע משפחה אונזערע. מ'האָט שוין גרייט די משפחה'דיקע קלאַסיפיקאַציעס: מענדעלע איז דער זיידע, שלום עליכם איז דאָס אייניקל און י. ד. בערקאָוויטש איז זיין איידעם.

און ווילט איר זען ווי ווייט מיר זיינען שוין אוועק אין אונזער ליטעראַטור, קענט איר זען דערפון ווי אַלע אונזערע אַלטע אַמאָליקע שרייבער פון אָדעס און פון וואַרשע זיינען נאָך ביז איצט די סאַמע שטערנדלאַך אויף אונזערן ליטעראַרישן הימל.

וואָס איז שייך זיין דיכטערישע פיזיגנאָמיע האָט טאַקע זכריה הערשמאַן ווינציק־וואָס ענליכקייט צו די אַנדערע דיכטער. אין דעם אופן פון זיין שרייבן, אין דעם טאָן און אין דעם קאָלאָריט פון זיין שפּראַך האָט הערשמאַן ניכער אַן ענליכקייט צו רילקען. אַזוי ווי יענער פאַרמאָגט אויך הערשמאַן א צאַרטן לירישן טאַלאַנט.

„לידער זאָגט ער ערגיץ — זיינען נישט געפילן". זיי זיינען איבערלעבונגען צווישן פעלזען בלאָנזשעט מען אום, מ'שטרויכעלט אָן אָן שטיינער.

אויפן ברוסט פון כמורנעם ים, אויף די שטורמדיקע כוואַליעס שיפט זיך מיין לעבן, דער ים ער ברויזט מיט ווילדן געלאַף — כ'שיף זיך ביחידות מיטן זיידענעם העמדל פון תכלת־געזאַנג"....

אין זיין דראַמע „יציאת האדם" הערסטו דעם עכאָ פון א מענטש וואָס ראַטעוועט זיך ביים מבול אין נח'ס תיבה:

ס'איז א מבול אויף דער וועלט און ס'איז א שקיעה אין בלוט.

ס'איז אוועק אין אש אין מיידאַניק און אַשווענטשים אַלץ וואָס איז אונז אַזוי ליב געווען.

איך תהום זיינעם פאַרזונקען אונזערע ליבע ברידער און שוועסטער — וואָס איז אונז דאָ געבליבן?

— די פינסטערע ערד, דער בלינדער פּלאַנעט,
קוקסטו און זעסט: זי פאַרגייט אין פלאַמען
פלאַנטערט זיך דער טאָג מיט דער
נאַכט אינם געווירבל —
וועלט, דו וועלט, צי וועט נאָך אויפגיין דיין זון? — — — —

זכריה הערשמאַן גיט אין זיינע ווערק א שילדערונג פון דעם דערשיטערנ־



דיקן מאָמענט וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביים יידן אין דער נשמה בעתן גרויסן איבערבראָך. זיין מיסטיק און סימבאָליק אין זיינע דראַמען און מיסטעריעס דערהויפּט אין „עם חשכה") זיינען פאַרזונקען טיף און פאַרוועבט אין דעם בין־השמשות פון אונזער, איצטיקער תקופה. סימבאָליש און פאַר'חלום'ט איז דער חלוץ, דער פּיאָנער, וואָס זינגט אויס די עפּאָפּייע פון דער יידישער גאולה אויף איינענער ערד:

כוואַליעס פון פייער יאָגן יידן אין לאַנד.

מיד פון וואַנדער־לעבן ליינט „ישראל סבא" זיין ווייסן קאָפּ אין שוים פון מדבר.

גאָטס פעלדער ווערן צוזאַקערט מיט אונזערע חיילות פון זיבעציק גלותן.
קומען אָן יידן פונם גרעניץ פונם נאָרדפּאָל,
וואו אַן אייביקער אייז טוט זיך תמיד דאָרט האַלטן,
קומען אָן פליטים, וואַנדערער פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע,
קומען אָן ברידער און שוועסטער פון תימן, פּרס און קאַווקאַזיען"...

איינער גאַרט נאָך גאָלד שטאַרק, מיר גאַרן נאָך ערד. גייט דער חלוץ אין יידישן לאַנד שריט נאָך שריט און טרעט אין די זאַמדן, די פיס זינקען אין וואַרימען זאַמד און די אויגן מיט ווייטע פאַרלאַנגען זיי ווינקען. ווי די אַלבעטיקער האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן די גאַנצע חלוצים־מחנה און געמאַכט פון די הויפענס־זאַמדן לעבעדיקע דערפער מיט קיבוצים, תפילין של ראש און תפילין של יד אָנגעטון „טירת צבי" און „כפר עציון" און מיטן ביקס אין האַנט, מיט האַרמאַטן און מאַשינען־געווער פאַרטיידיקט זייער האָב און גוטס.

און די טייערסטע פון אַלע פרויען — די יידישע מאַמעס געשיקט האָבן זייערע איינציקע קינדער צו קעמפן מיטן שונא — איז אויסגעשפּריים אויף די פעלדער פון יהודה דער מדבר־זאַמד פון אַראַבישע טרופּן, און פייער — אין די קנייטשן: אַלטע שריפט, פאַרקריצט פון שטורעם, ליגט און ברענט נאָך דאָרט — — —

## צו משה עובדס סקולפּטור אויסשטעלונג

עס פאַלט קיין מייסטער נישט אַראָפּ פון הימל, בפרט אין טעכנישער האַנט־געשיקטלעכקייט; דאָס קונסט־געווערבע־פאַך מוז דערוואָרבן ווערן מיט אַרבעט, ווען נישט אפילו דירעקט געשולט, צומאָל מ'קוקט דערצו מיט אייאומיטלבאַרן כוח, פיל אומרו און באַוועגלעכקייט

פון די זילבערנע און גאָלדענע חיות־און פייגל פינגערלעך און די שאָךפיגורן, וועלכע משה עובד אַרבעט די לעצטע יאָרן, פאַנטאַסטיש שפּילנדיק זיך מיט פּלאַסטילין, איז ער לעצטנס צוגעקומען צו זיינע יידישלעכע זשאַרזשאון סימבאָלן פיגורן — עס שפּילט שוין דאָ נישט נאָר דורכאויס האַנטגעשיקטלעכקייט און שפּילנדיקע פאַנטאַזיע, נאָר אינעם ווייכן פּלאַסטילין קווע־טשען זיך שוין אַריין האַרבלעכע רעיונות — אין די סקאַרבאָווע־געקאַרבעטע

תלמידי חכמים־שטערנס! די שמאָל־שלאַנקע פאַרנאַטישטע פרויען־געזיכטער ווינען צו גלאַט, אפנים, פאַר פאַרטיפטערע יידישלעכע געפילן.

צי מיר וועלן זיי רופן סקולפּטור, צי פיגורן, עס קומט אויף איינס און דעם זעלבן ארויס: משה עובד האָט געפונען, האָט זיך דערוואָרבן אַ פרישן צווייג אין וועלכן ער קאָן זיך גערהאַנקלעך און אויך טיילווייז געפילסמעסיק זיך אויסדריקן.

צי מיר וועלן נאָך־דערקענען זיין פערזענלעכן פינגער־דריק (און דאָס איז דער עיקר כאַראַקטעריסטיק ביים סקולפּטאָר.) אין די האַרטע בראָנז פיגור געגאָסענע פון זיינע פּלאַסטילין מאָרעלן, אָבער זיין יידישלעכן קוועטש, זיין האַרץ־דרוק מערקט זיך אין אייניקע פון זיינע חיות־ואופנים־סימבאָלן און מענטשן קעפּ, סך הכל אויך נאָר סימבאָלן פונקט ווי זיינע סימבאָלישע זעקס־רעריקע מנורות — און דאָס איז שוין זייער אַ סך, ווען אַ קינסטלער קאָן זיך מיט אַזוינס רימען.

אָן שום ספק ווען אַ סך פון די שווערע בראָנזן זאָלן זיין אין גע־ברענטן און פאַרביקן קעראַמיק, וואָלטן זיי אַ סך אומיטלבאַרער געווירקט מיט



דער געפייניקטער פייניקער פון משה עובד



לייכטקייט און שווערעדיקייט; דאָס גערהאַנקלעכע און פילבאַרע וואָלט זיך פיל מער אויסגענומען. דאָס האָט אפנים, משה עובד אַליין פאַרשטאַנען און געפּרוּווט דעם שטרענגען מעטאַל צו געבן מילדערע ניואַנסן דורך גרינלעכן פּאַטינאַ.

פון די איבער 30 סקולפּטור קלויבן מיר אויס צום רעפּראָדוצירן דעם קאָפּ „דער געפייניקטער פייניקער", אַ מאָטיוו וואָס מוטשעט מסתמא עובדן אַמיינסטן און מהאי טעמא דער האַרץ־דרוק פּלאַסטיש־בולטער, ביז אין די שפּיצן פון די פינגער. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער אלף און דער תו



דער לויפנדיקער הערש פון משה עובד

ביי פלאסטיק, צו ווירקן און צו זיין חושמדיק וויזיאנעל. נישט רק געדאנקלעך וויזיאנעריש.

אויך דער לויפנדיקער הערש, — ווי פון פלאמען ארויס ער וואלט נעלאפן מיט די זעקס געצונדענע ליכט איבער זיינע צעצווייקטע הערשן הערנער (איינער פון די פארשיידענע מנורה־מאטיוון, אנצוציינדן נאך אונזערע מיליאנען געקוילעטע.) איז שוין מער ווי בלויזע קונסט געווערבע, — די שותפ־אסאציע פון „רץ כצבי" פירט דעם ליכט־מאטיוו שוין צוריק צום מקור פון פאלקסטימלעכער יידישלעכער סימבאליק, צום אייביקן נר־תמיד.

א טייל אבער פון די לייכטער־קאלעקציע האבן מער צו טון מיט לייכטן „אנטיק" און מאנכע שוין נאר מיט די אלטעגלעכע קירכלעכע סימבאליס; „די פאמיליע אין שטורעם" איז ניכער א מין „הייליקע פאמיליע" ארום די „קריפע"! פון א דארפישן בעל מלאכה'שן פרומען האלץ־שניצער. איז מיר טאקע דערפאר א סך ליבער יענער טייל פון דער היהלעך־קאלעקציע, וועלכע האבן אין זיך עובר'ס וויציק־קלוגן אפאריזם — דאס כאראקטעריסטישע לעבעדיקסטע אויך אין משה עובר'ס שרייבן. צום דייטלעכסטן איז דאס בארבערדלטע לעבעדיקע ציקעלע, — עס איז ממש ווי אפויער'נעגנבעט פון אונטער יענקעלעס ווינעלע.

די אויסשטעלונג איז מער ווי אן אנהויב. און מער ווי א פרואוו, א נשקשהדיקער סך־הכל פון 18-17 תרשימדיקער ארבעט.

**ש.**

---

## ש. זאלכין

# אין אנגסט־פולע שעהן

(צייט ליד)

גיך עס דרייען זיך די ווייזערס
און די טיק־טאקס העכער קלינגען
אפשר זאל איך מיט די שטערן
פון א נייעם מארגן זינגען.

אפשר וועל איך קאנען טרעפן
צי דער טאג וועט זיין א גוטער
און אין ציין ניט בסוד באוויינען
אירע קינדער וועט א מוטער.

אפשר וועל איך אויף דעם הימל
זען פון גאט אליין א צייכן
אז מלאכים וועלן העלפן
אונז געווינען א נצחון.



## אליהו פאלושאק

# די גאליציאנער „אינוואזיע"

(פרייע דיסקוסיע)

מיר זיינען אריין אין א פאזע פון א וויכטיקער דיסקוסיע איבער דעם יידישן טעאטער, מהות און אויפגאבע.

עפעס איז געשען דא אין לאנדאן אין א יידיש טעאטער, וואס רופט ארויס ביים אינטעליגענטן און ליטעראטור־ליבנדן עולם אויפרעגונג, פארדרוס און... עקל. דאס יידישעווארט איז געווארן פארגוואלטיקט און פראפאנירט אויף דער בינע פונם ניי־יידישן טעאטער בית־עם לימיטעד.

ס'וואלט אייגנטלעך גארנישט געברויכט צו זיין א דיסקוסיע. ווען ש. י. הארענדארף שרייבט נישט אינם לעצטן מאי־נומער „לשון און לעבן" אז „די דירעקציע פון 'ניי־יידישן טעאטער' איז נישט שולדיק אין דעם, וואס דער יידישער עולם פארסלינעט זיך פון דעם מיאוסן און אומווירדיקן נבול פה, וואס טריפט פון די פארשטעלונגען." הייסט עס, אז דער עולם איז שולדיק. דאס פובליקום איז געקומען צו דער דירעקציע, און האט געזאגט: „זייט אייך מטריח, און ברענגט אונדז פון יענער זייט ים אקראבאטן, קונצנמאכערס, נבול־פה'ניקעס, לצים און „פאדלצים". אז מיר זאלן זיך מוזן קאטשן פאר געלעכטער, און מיר זאגן אייך צו, אז דאס טעאטער וועט זיין יערן טאג אויספארקויפט". אדער גאר לעא פוקס בכבודו ועצמו איז געקומען אויף זיין איינענער איניציאטיוו דא נאך לאנדאן, האט זיך ארייגעקוועטשט אין טעאטער, האט מיט זיין קאאבאי־רעוואלווער געצוואונגען דער דירעקציע און אקטיארן צו טון לויט זיין ווילן און מיט זיין חן און טאלענט „גענומען דעם עולם מיט שטורם". ס'איז געווען א גאליציאנער אינוואזיע....

ניין, נישט אזוי און אויך נישט קאפויר. מיר ווייסן, ווער ס'איז שולדיק, און ווער עס טראגט די אחריות.

איך דערמאן מיך, ווי מיט עטלעכע יאר צוריק, ווען די באמבעס זיינען נאך געפאלן איבער אונדזערע קעפ האט זיך אנגעהויבן דאס גערייערעכץ פון שאפן א יידיש פאלקס־קונסט־טעאטער, וואס זאל זיין פריי פון אלע פנימות פון שונד. און וואו די ווערק פון אונדזערע קלאסיקער און מאדערנע שרייבער זאלן ווערן אויפגעפירט. יידישע אקטיארן וועלן באקומען פעסטע געהאלטער, וועלן זיין אומאפהענגיק פון בענעפיט־פארשטעלונגען. זייער אויפגאבע וועט זיין צו רעפעטירן, איינשטודירן און „אקערן" די פיעסעס פונם קומענדיקן רעפערטואר. געלט וועט נישט ווערן געזשאלעוועט. עס וועט געשאפן ווערן ארום דעם טעאטער א גייסטיקער צענטער פון ביבליאטעק, לייען־זאל, פארזאמלונגס־זאלן און אן אייגענער זשורנאל אין צוויי שפראכן. מען וועט צוציען אלע אינטעליגענטע, גייסטיק־שאפנדיקע מענטשן פונם היגן ישוב. מען וועט זיך סטארן צו געווינען די יוגנט. מען וועט, מען וועט....

איך האָב אָפט געהאַט די געלעגנהייט בייצוּוואוינען אַזעלכע קאָנצענטרירטע קאָנפערענצן, פּלאַנירונגען און שמועסן מיט אויפגעבלאָזענע פּראַזן, און איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סוד אַז איך האָב קיין גרויס פאַרטרויען צו די איניציאַטאָרן פון די דאָזיקע קאָנפערענצן און פּלאַנירונגען נישט געהאַט מחמת פון אָנהויב אָן איז דער גאַנצער (נאָך גאַרנישט עקזיסטירנדיקער) בנין פון אַ בית עם געווען ווי אַ פּיראַמידע וואָס שטייט אויף דער שפּיץ און נישט אויף דעם ברייטן פונדאַמענט פון פאָלקס־מענטשן, טעאַטער־און ליטעראַטור־ליבהאָבערס און יידישע אינטעליגענץ אַלס פּירערס פון אַזאַ מין גרויסער און אידעאַלער זאַך, ווי אַ בית עם און אַ יידישן צענטער פון לאָנדאָן דאַרף צו זיין.

ס'איז מ'שטיינס געוואָנט „מעצענאַטענטום" (אין גענזע־פּיסלעך). דער אמת'ער מעצענאַט איז דער גרויסער און אידעאַלער קונסט־ליבהאָבער, וואָס פּראָטעזשירט קונסט־און וויסנשאַפט לטובת הכלל אָן געשריי, אָן פאַלשע כוונות און מאַכינאַציעס. און אַליין האַלט ער זיך אין הינטערגרונט. מיט דער הילף פון אַזעלכע מעצענאַטן האָט אויגוסט בעבל אין אַ גרויסער צייט אויפגעבויט די אַמאָליקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַ קייזערלעכן דייטשלאַנד. און אין ענגלאַנד איז מיט דער הילף פון מעצענאַטן געבוירן געוואָרן די ס.ע.מ.א. (ראשי תיבות פון דער געזעלשאַפט צו פּראָטעזשירן מוזיק און קונסט), די פאָרלויפערין פון דער היינטיקער בריטיש אַרט־קאָונסיל. דער שפּיץ פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט איז געשטאַנען דער באַקאַנטער נאָוועליסט און דראַמאַטיקער דזשעי ב. פּריסטלי, און נישט עפּעס אַ גוט־וויליקער מעצענאַט, וואָס פאַרשטייט נישט קיין סך אין די דאָזיקע ענינים פון הויכער קונסט.

מיר ווייסן ווי שיטער געזייט אין אונדזער וועלטל עס זיינען מעצענאַטן פונם דאָ דערמאָנטן מין. אין מענדעלע'ס „טאַקסע" געפינען מיר די אַמאָליקע פּראָטאָטיפּן פון נישט־געבעטענע כלל־טוערס, שתדלנים, שוויצערס מחיה'ערס. מיר האָבן דאָ און דאָרט אַ חברה אויסגעזייטיקע, וואָס האָבן קיין שום דירעקטן שייכות נישט צו ליטעראַטור און טעאַטער בכלל און יידישער ליטעראַטור און טעאַטער בפרט. זיי האָבן די פּויטיקע, איניציאַטיוו און דרייסטקייט אונדז איינצורעדן, אַז דאָס, וואָס זיי טוען, איז לטובת הכלל... אין דער אמת ציען זיי דעם טעאַטער עולם, וואָס איז אויף אַ דרך אָרגאַניש צו ווערן אָרנטלעכע ליבהאָבער פון יידישער קונסט און רינשטאָק פון שונד, שמוץ, נבול פה, ווען נישט נאָך ערגער.

ביי אונדז יידן פון מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע (און דאָס איז דאָך דער גרעסטער טייל קאָנסומענטן פונם יידישן טעאַטער) איז טעאַטער נישט עפּעס סתם טעאַטער — ביליקע אונטערהאַלטונג און אַמוזירונג לויטן נוסח פון קאַבאַרעט און וואַריעטע. דאָס איז אפשר גוט פאַר זאַטע און אויסגערוטע פעלקער. מיר יידן זיינען אייביק געווען אַן עם הספר, און ווילן דעם דאָזיקן פּרעדיקאַט נישט פאַרלירן. אַן עם הספר מוז זיך האַלטן אין דער ליניע פון עסטעטיק, אין דער ליניע פון שיינקייט פונם לעבעדיקן וואָרט און עפּיק,



פּראָזע און פּאָעזיע, דראַמע, אָפּער און אָפּערעטע. ביים לאַכן און וויינען ווילן מיר דאָס ריינע הויך מענטשלעכע, ווי עס איז אויסגעדריקט אין די שאַפונגען פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, ביאַליק, אש, נאָמבערג, ווייסענבערג, לייוויק, אָפּאַטאָשו, בערגלסאָן, גאָלדפאַדן, פּרץ הירשביין, פּינסקי און אַנדערע. אין פאַרגלייך צו זיי איז דער אימפּאָרטירטער אַמעריקאַנער קיי־גומי (טשואינג־גאַם בלע"ז) די ערגסטע און נידריקסטע קונצנמאַכערי מיט אַ שלעכטן ביי־געשמאַק, וואָס איך האָב אַמאָל געזען אויף אַ מאָדערנער בינע.

לעכערלעך איז עס נאָך, ווען די געשעפטס־טיכטיקע טעאַטער־דירעקציע האָט אַרויסגעלאָזן די גרויסע באָמבן־רעקלאַמע, אַז פוקס איז גרעסער ווי דעני קיע. ס'איז דאָך נישט קיין פאַרגלייך. דאָס טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אַנגאַזשירט דעני קעי, האָט נישט פּרעטענדירט צו שטיין אונטער דער השגחה פון דעם בריטישן קונסט־ראַט (בריטיש אַרט קאָונסיל). זיי האָבן זייער פּובליקום צוגעזאָגט גוטע פאַרווייַלונגען און האָבן זייערע הבטחות געהאַלטן. אַ טעאַטער, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון אַ קונסט־קאַמער, האָט די פּריווילעגיע פון צו זיין באַפרייט פון אַלע פאַרגעניגן־שטייער. אָבער עס האָט די גרויסע פאַרפליכטונגען צו ברענגען קונסט און נישט שונד און נבול־פה.

איך האָב דעני קעי נישט געזען, נאָר אַן אָנגעזעענער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער, אַן אַלטער תושב פון דאָ, וואָס האָט געזען שפּילן ביידע, — אי קעי, אי פוקס האָט זיך לאַקאָניש אויסגעדריקט: „דעני קעי איז פאַר גוים, און פוקס — פאַר חזירזים"....

מיר דערמאָנען זיך די מחלוקה צווישן איציק מאַנגער און יעקב ראָטבאַום וועגן דער אויפפירונג פון „גאָלדפאַדנס חלום". ס'איז דאָ נישט דער חילוק, ווער ס'איז גערעכט, און צו דאַרף אַ רעזשיסאָר מאַכן אַ „כירורגישן" איינשניט אין אַן אָפּגעשלאָסן ווערק אָדער נאָר דאָס דאָזיקע צו מאָדיפיצירן.

לאָמיר אָננעמען, אַז ביידע זיינען גערעכט. און ווען ס'איז געווען אַ מחלוקה, איז עס דאָך כאָטש געווען וועגן עפּעס אַ וויכטיקן ענין. ביי די לעצטע אויפגעפירטע, מאַכערייקעס פונם „מזל'דיקן שלימזל" און דעם „גאַליציאַנער קאַובאָי", איז גאַרנישט דאָ איבער וואָס צו פירן אַ מחלוקה. מען קען נאָר זאָגן „אַראָפּ פון די ברעטער מיט דעם דאָזיקן מין פאַר היינט, פאַר מאָרגן און פאַר אייביק!"

איך האָב מיך גוט צוגעהערט צו דער שטימע פונם פאָלק אײדער איך האָב מיך ענטשלאָסן צו שרייבן די דאָזיקע שורות. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ מחנות צווישן יונג און אַלט, וואָס זוכן דעם ביליקן אָדער ביליקסטן זשאַנער, וואָס די פאַרשטעלונגס־קונסט קען געבן. אין זיי וועט איר געפינען אַ דאַנקבאַר פּובליקום אַפילו, ווען איר וועט זיי ברענגען נאָך ביליקערע און שרייערישע מאַכערייקעס. אַפילו ווען די דאָזיקע מחנות זאָלן זיין אַ מאַיאָריטעט פון אונדזער טעאַטער־פּובליקום, טאָר די יידישע עפנטלעכקייט און ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור צו דער דאָזיקער ירידה פון דער געשייענער שונדישער אינוואַזיע נישט צולאָזן.

שלמה אויערבאך

# יצחק שרייער ז״ל *

„חייכם — מיטב חזיונכם, ותפארתכם — עצם חיותכם“
ח. נ. ביאליק: „יהי חלקי עמכם“

...ער איז געווען א דיכטער, ריכטיקער, א דיכטערישער מענטש, מחמת מענטש און דיכטער איז ביי אים נישט געווען באזונדער. ער איז געווען איין אצילות׳דיקער מענטש און א פיינער, טיפזיניקער דיכטער, אוןביידע אינ־איינעם האבן אויסגעמאכט די אויסטערלישע פערזענליכקייט.

מיט זיין טויט גייט אוועק איינער פון די שרידים־יחידים פון אונזער דור; זיין דערציהונג איז נאך פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, — א טיפע טראדיציאנעלע עכט־יידישע דערציאונג; ער האט באזעסן א מקורות־דיקעם יידישעם וויסן, וואס האט אבער אזוי גוט הארמאנירט מיט זיין גרוי־סער אייראפעאישער בילדונג.

זייענדיק א דייטשער דיכטער פון א גרויסער מדרגה, מיטארבעטער אין די פיין־נייסטיקסטע ליטעראַרישע זשורנאלן אין משך פון יארן, אין דער אויפבלי־צייט פון דער דייטשער ליטעראטור פון קרוב פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז צום היטלערישן חורבן, — איז ער דאך תמיד געווען מיט זיינע יידישע און העברעאישע חברים; ער האט אויך רעדאגירט דייטש־יידישע פובליקאציעס, אויך צוזאמען מיט דעם בארימטן דייטש־יידישן פילא־זאף פראנץ ראזענצווייג.

אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט איז ער אבער געווען א בן־בית נים נאר מיט זיינע ווייניקע יידישע לידער, און נישט נאר אלס גלענצענדער איבער־זעצער פון יידישער און העברעאישער קלאסישע־ און מאדערנער דיכטונג און פראזע, — פילמער אלס פריינט און באראטער, — און זיין א מיינונג, אויך די שטרענגסטע איז געווען תמיד אנגענומען באהבה. ווייל ער איז געווען פון די, ליידער איצט זייער זעלטענע חברים, וואס האט זיך באמת געפרייט איבער א ליטעראַרישער הצלחה פון א חבר! ער האט נישט געהאט די קנאת־סופרים פון היינט, וועלכע איז כלל נישט מרבה חכמה... יצחק שרייער האט נישט געקאנט קיין שום קנאה צו מענטשן. ער האט נאר געהאט א קנאה של אהבה, אן אייפערזיכטיקע ליבע צו אונדזער צווייישפראַכיקער ליטעראטור, וועלכע ער האט געליבט מיט דעם גאנצן פייער פון זיין פאעטישער נשמה. דערפאר

* **יצחק שרייער ז״ל**.—שרייער שלנו הלך לעולמו... — הוציא נשמתו בטהרה, בטהרה חי! אדם נאצל ודגול היה, היה לי ידיד נאמן, אח לצרה ולסבל — — כשהיה כותב לי „מורי ורבי“ — הייתי בויש ונכלם וגם עלצתי עליצות־לב רבה... צר לי, צר לי מאוד על כי לקח אלוהים את יצחק ואיננו: ויצא יצחק לשוח בשדה — יצא לבלי שוב...“
(פון ד״ר שמעון ראבידוביטש׳ס א בריוו צו שלמה א.)



האט ער זיך געפרייט מיט דער הצלחה פון א חבר, מיט א געלונגענעם ליד, דערציילונג אדער עסיי, מיט אלעם וואס מאכט אונזער ליטעראטור שענער און רייכער. דערפאר איז אויך געווען א תענוג פאר אים עפעס פארלייענען.

ער איז אבער געווען א שטרענגער קריטיקער. ער האט געשטעלט גרויסע פאדערונגען, אבער אויף זיין מיינונג האט מען זיך געקאנט פארלאזן. מחמת דאס זענען נישט געווען סתם בויך־סברות; זיין ליטעראַרישער געשמאק איז געווען פיין אויסגעבילדעט דורך זיין טיפער קענטניש — אין אריגינאל — פון כמעט אלע אלטע און מאדערנע אייראפעאישע ליטעראטורן, שוין נישט צו ריידן פון אונזער אייגענער, — אבער זיינע שטרענגסטע קריטיק, ווי שוין געזאגט, איז נישט געווען להכעים, נאר לשמה.

זיינע דייטשע קאלעגן האבן זיין דיכטונג באצייכנט, לויט דעם טיפן פעסימיזם אויך נאך דער אויסערער פארם — ברייטע אפט נישט געריימטע שורות — אלס העלדערלינעשע. דער יידישער לייענער אבער האט געפילט אין שרייערס ליריק די תפילה׳דיקע צארטקייט פון די מזמורי־תהלים, אויך דעם תהומות׳דיקן פראטעסט פון איוב׳ס גאט־לעסטערישע און גאט־דערהוי־בענדע אייביקע פסוקים.

יידיש האט ער, ווי שוין דערמאנט, נאר ווייניק געשריבן, העברעאיש — האט ער מיט זיין צניעותדיקייט געמיינט אז זיין עברית רייכט נישט אויס אויף שרייבן אין דעם לשון. כאטש זיינע קורצע העברעאישע ידידי־בריוולעך צו מיר האבן באוויזן א זאפטיקן, לייכטן אויסדרוקספולן העברעאיש. ער איז בכלל געווען א הצנע־לכת. איך קאן זיך נישט דערמאנען אין די לאנגע יארן פון אונזער פריינטשאפט אין ווין, יצחק שרייער זאל א מאל ריידן פאר א קהל. אבער, דערפאר ווי רייך און שטורמיש איז געווען זיין אונטערהאל־טונג מיט א ידיד. יעדעס זיינס א געשפרעך איז געווען אנרעגנד און בא־לערנד. א זכיה איז געווען אז יצחק שרייער זאל ווערן א ידיד. זייענדיק א גרויסער מענטשן־קענער האט ער נישט מוחל געווען קיין פאלשקייט און קיין עוולות. אבער ווען ער איז געווארן א ידיד איז ער עס געווען בנפשו ומאודו, קאפאבעל געווען זיך מקריב צו זיין פאר א חבר.

קנאפ פאר דער מלחמה איז ער אריבער געבראכט געווארן פון ווין קיין לאנדאן דורך דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די „קריגס־קעננער“ (פון וועלכע ער איז געווען א וויכטיקער מיטגליד, פיל מיטגעארבעט אין זייערע וועלט־פּובּ־ליקאציעס). אין „בליץ“ האט אים זיין אינטימער פריינט יעקב מייטלים, דער־מאלט אין לידס, אריבערגענומען צו זיך. דארט איז ער געווארן א מקורב צו שמעון ראבידוביץ. ביים סוף פון דער מלחמה איז שרייער איבער־געזידעלט צו זיין פרוי קיין ניו־יארק. אין דער דארטיקער שרייבער משפחה האט ער געהאט פיל פריינד, באזונדערס דעם העברעאישן דיכטער און דענקער שמעון האלקין — וועמען ער האט נאך פאר פילע יארן איבערגעזעצט אין דייטש, און פילע אנדערע.

א געטלעך פייער האט פון אים ארויסגעשיינט, וואס האט געלויכט און געוואַרעמט. און אַט איז אויך דאָס פייער פאַרלאָשן. און אונזערע פינסטערע וועלט איז נאָך חושכ'דיקער געוואָרן!

זאָלן זיין מיינע ווערטער א נשמה־ליכט פאַר דיין ליכטיקער נשמה ידיד־נפש, יצחק היקר!

---

## רוף צום פען־קאָנגרעס

דער פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן אין ענגלאַנד האָט צוגעשיקט א דרינגענדיקן רוף צום אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס, וואָס קומט איצט פאָר אין קאָפּענהאַגען, אַז דער קאָנגרעס „זאָל לאָזן הערן זיין שטאַרקע פּראָטעסט־שטים קעגן די אַלע צערשטערנדיקע כוחות, וועלכע באַדראָען איצט דעם קיום פונעם יידישן קולטור־וועזן אין ארץ־ישראל".

דער רוף, וועלכער איז אונטערגעשריבן פון א. כ. קייזער, פּאַרזיצער, און יוסף פרענקעל, ערן־סעקרעטאַר, ווייזט אָן אויף דעם פאַקט, אַז די יידישע שרייבער און קינסטלער האָבן אויפן ארץ ישראלדיקן באָדן געשאַפן די רייכסטע, פאַרצווייגסטע און אָרגאַנישסטע קולטור אינעם מיטלן־מזרח. „מיר זענען איבערצייגט, זאָגן די געחתמטע אויפן רוף, אַז „די גייסטיקע יצירה פון א פאָלק, איז דער איינציקער ווירקזאַמער כח, וואָס קען באמת פירן צו דער נעענטערונג פון פעלקער און וועלט־שלום. בכן, האָפן מיר, אַז אונזער רוף וועט האָבן דעם געהעריקן אָפּקלאַנג ביי די אַלע וואָס זענען די טרעגער פון דעם קולטור־געוויסן פון דער וועלט".

---

## נאָך באַגריסונגען לכבוד דעם 100 נומער „לשון און לעבן"
### פון „וואַכנבלאַט" בערגען־בעלזען, דייטשלאַנד

צו דער רעדאַקציע „לשון און לעבן", לאָנדאָן

זער חשובע פריינט!

מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג האָבן מיר דערהאַלטן די ידיעה וועגן דערשיינען פונעם הונדערטסטן נר. „לשון און לעבן". די דאָזיקע סיבה האָט גורם געווען אונדזער פאַרשפּעטיקטע ברכה און באַגריסונג צו אייער ליטעראַרישער טעטיקייט.

אייער זשורנאַל „לשון און לעבן", וואָס געהערט צו די איינגאַרטיקסטע קולטור־טריבונעס אינעם פאַרוויסטעטן יידישן קולטור־שעפערישן טעטיקייטס־פעלד פונעם ענגלישן יידנטום, איז א טרייער באַגלייטער, אַן איבערגעגעבענער מורה־דרך פון די לאַגער־יידן אין דער בריטישער זאָנע. ער איז דאָס געווען דער, וועלכער איז מיט זיין געשליפן יידישן וואָרט אַראָפּגעקומען צו אונדז גלייך נאָך אונדזער באַפרייאונג פון די היטלעריסטישע מאַרדאַוניעס; ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט אונדז אין יענע טעג פאַרבונדן מיט דער קולטור און ליטעראַטור פון אונ־



דזער יידישן פאָלק; ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט געלאָזט אַריינשטראָמען אין אונדזערע אויסגעפּוסטעוועטע מוחות דעם אומאויפהערלעכן און שפּרודלדיקן שטראָם פון יידישער קולטור־טעטיקייט, פון יידיש וויסן, פון יידישער ליטעראַטור שאַפונג.

יעדן נומער פון אייער אויסגאַבע האָבן מיר אויפגענומען מיט דער פרייד פון אַ מדבר־וואַנדערער, וועלכער טרעפט אָן א וואַסער־קוואַל, וואָס דערקוויקט און לעבט אויף זיינע דורשטיקע אברים.

אייער „לשון און לעבן" האָט באַשענערט און באַרייכערט אונדזער אַרבעטס־טיש, וועלכער קאָוועט זיט דריי יאָר דאָס יידישע וואָרט און פלעגט דעם יידישן געדאַנק אינעם מוראדיקן גלות דייטשלאַנד.

נעמטזשע צו, טייערע פריינט רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער, אונדזערע האַרציקסטע ברכות און וואונטשן צום דערשיינען פון אייער הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן". זאָל אייער זשורנאַל פירן דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין ענגלאַנד צו יענער הויכקייט, ווען יידישע קולטור און ליטעראַטור, ווען יידיש־פרעסע־וועזן און ביכער־פאַרלאַגן אין דער בריטישער אימפּעריע האָבן פאַרנומען א בכבודיקן פּלאַץ אין דער קולטור־שעפערישקייט פון אונדזער פאָלק.

פאַר דער רעדאַקציע,

**דוד ראָזענטאַל**

* * *

לאָנדאָן דעם 13־טן מאַי 1948

אַרויסגענומען פון אַ בריוו פון דער „דזשואיש קראָניקל" צו „פריינט פון יידיש לשון"

„...דערלויבט מיר אייך און אייער געזעלשאַפט אויסצודריקן די וואַרעמסטע ברכות צו אייער דערגרייכונג. איך ווייס, ווי שווער עס איז אין דער היינטיקער צייט פון קנאַפּהייט אַרויסצוגעבן און צו אונטערהאַלטן אַזאַ אינטערעסאַנטע אויסגאַבע, און איך גראַטולירט אייך צו דעם הויכן סטאַנדאַרט, וואָס אייער זשורנאַל האָט דערגרייכט אין דער יידישער ליטעראַטור..."

אייער ערגעבענער (אונטערשריפט) **רעדאַקטאָר**

* * *

חשובער פריינט,

אינם נאָמען פון בראַנטש ניין פונם אַרבעטער־רינג באַגריסן מיר אייך און אַנערקענען אין אונדזער קולטור־אַרעמקייט דאָ אין לאָנדאָן דעם זשורנאַל „לשון און לעבן" אַלס איינע פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען אינם איצטיקן מאָמענט.

**ד. גאָלדינגער**, פאָרזיצער, **מ. לעמבערג**, סעקרעטאַר.

* * *

דער 14־טער מאַי, פרייטאָג.

דער ערשטער טאָג פון דער דריטער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל געשעצטע פריינט פון **„לשון און לעבן"**,

הונדערט ביבלעך פון „לשון און לעבן" איז אַ מין, וואָס בעט זיך לכל הדעות, מען זאָל אים דרשענען. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועט מיר מסתמא אויסקומען צו רעדן וועגן אייער זשורנאַל. איצט וויל איך אייך און אייער רעדאַקטאָר דעם ריכטער שטעכל ווינטשן אסך נחת פון אונזער יידיש לעבן און אונזער פאָלקס־שפּראַך, און אמתן נחת.

אייער,

**לעא קעניג**

## צום הונדערטסטן העפטל פון לשון און לעבן

די הארציקסטע ברכות ווינטש איך דעם רעדאקטאר און די ארויסגעבער פון דעם חודש־זשורנאל: „לשון און לעבן".

עס איז באמת א גרויסער פארדינסט, דא אין דעם אפגעשטארבענעם יידיש־קולטורעלן לאנדאן, — צו קאנען אויסהאלטן מיט אזויפיל עקשנות און ערלעכער איבערגעגעבנקייט: די איינציקע שווער דערוואָרבענע פאזיציע פון „יידישיזם"... א קיוגן — די אלע פארניוגער, חוזקמאכער, שווארצזעער און ליקווידאטארן פון אונדזער „יידיש לאנד"....

דערפאר זאלן זיין געבענטשט די הענט, וואס באמיען זיך ביי יעדן העפטל, און זאל זייער עקשנות און ערלעכע איבערגעגעבנקייט אויך אויף להבא נאר נישט אפלאזן — וועט דער דערפאלג אויך זיכער נישט אויסבלייבן.

מיט דרך ארץ און ליבע — אייער

**יוסף הלל לעווי**

* * *

דער חשובער פריינט **שטענצל,**

עס איז זער גרינג צו באגריסן אייך, אבער ווען מען טראכט זיך אריין אין דער גרויסער און קאלאסאלער ארבעט, וואס איר האט אריינגעלייגט ביז איר האט דערלעבט צו זען דעם הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן" וואלט איך אייך גע־וואלט ווינטשן מער ווי א באגריסונג. זייט שטארק און פארלירט נישט דעם מוט און גייט ווייטער מיט אייערע שטארקע טריט צום זיג פון דער יידישער שפראך און קולטור.

איך דריק אויך אויס מיין באגריסונג צום גוטן ייד משה עובד,

אם אין קמח אין תורה,

**ל. אלמאן,** מאנשעסטער

* * *

חשובער פריינט און רעדאקטאר, **א. נ. שטענצל,**

מיר פון עלטערן דור, וואס האבן דא אפגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון אונזער לעבן ווייסן, אז ס'איז נישט קיין קליניקייט דא ארויסצוגעבן רעגולער א חודש־זשורנאל פון א ליטעראַרישן ווערט.

צום נומער 100 פון אונדזער זשורנאל „לשון און לעבן" דאנקען מיר אייך פאר די שווערע מי און ארבעט, וואס איר האט אוועקגעלייגט כדי דאס צו דער־מעגלעכן.

מיר ווינטשן אייך און דעם זשורנאל אריכת ימים און שטייגענדיקן דערפאלג.

**אברהם** און **חנה הינדע שפיגעלמאן**

* * *

צו דער רעדאקציע!

ביטע נעמט אן מיין הארציקע באגריסונג צום דערשיינען פון הונדערטסטן חודש זשורנאל „לשון און לעבן" פון פריינט פון יידיש לשון. זעצט פאר צו שטארקן דא יידיש קולטור לעבן אין אלע עקן פון דער יידישער וועלט.

און איך ווינטש אייך איר זאלט דערלעבן צופייערן דעם 1,000 חודש זשורנאל „לשון און לעבן". עס קומט א גרויסן דאנק דעם רעדאקטאר מיסטער שטענצל. איך ווינטש אים לאנגע יארן קולטורעלער טעטיקייט,

מיט אכטונג

**משה ליפשין**





ערלויבט מיר אויסצודריקן מיינע פערזענלעכע באגריסונגען צום דערשיינען פון 100־טן נומער פון חודש־זשורנאל „לשון און לעבן".

אן לשון (יידיש) קען נים זיין קיין יידיש לעבן — דאס האט אונז באוויזן די יידישע אסימילאציע, וואס האט באהערשט געוויסע לענדער און זיי געפירט צו שמד און אונטערגאנג...

זאל די יידישע פרעסע און די יידישע שפראך אויפהערן אין ענגלאנד אין פאר־לויף פון א דור (צוואנציג יאר), וועט זיך נישט נויטיקן א היטלער נאר די יידישע געמיינדע וועט שפורלאז פארשווינדן פון ענגלישן באדן אן א רבנן־קדיש.

דערפאר קומט אייך א דאפלטן דאנק, איר פריינד פון יידישן לשון, וועלכע דערלאזט נישט דעם פאלקאמען אונטערגאנג פון דעם היגן יידנטום. איך האף און ווינטש דאס דער נומער 200 פון „לשון און לעבן" וועט געפייערט ווערן א ביבש ביסל שנעלער דורך ערשיינען נים אלס א מאנאט־זשורנאל נאר אלס א וואכן־זשורנאל.

מיט דרך ארץ און ציונס־גרוסן,

(מערטער טידוויל) **מאריס סילווערגלייט**

* * *

חשובער פריינט **א. נ. שטענצל,**

צום הונדערטסטן נומער פונם חודש־זשורנאל „לשון און לעבן" ווינטש איך אייך מזל און ברכה צו אייער ווייטערדיקער ארבעט.

**ל. פאלינסקי**

* * *

תיקון טעות.

אין דער באגריסונג פון פריינט ל. בעילי איז אריינגעפאלן א טעות. עס דארף הייסן: „גלייבציוטיק באגרים איך דעם חבר פאר די דערציילונגען פונם היימישן שטעטל ר."

באמערקונג פון דער רעדאקציע: — דער מחבר פון די דאזיקע דערציילונגען איז אונדזער מיטארבעטער **י. ביעטש.**

דער ענטפער אויף אלע באגריסונגען אין קומענדיקן נומער. — רעדאקציע

## קולטור ידיעות פון דא

ד"ר ישראל ברודי איז איינשטימיג אויסדערוויילט געווארן אלס רב הכולל פון דער בריטישער אימפעריע.

* *

דער באוואוסטער שרייבער עבר הדני האט געהאלטן זער א דירנדיקן פארטראג איבער ארץ ישראל ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס. אויך געווען א באנקעט לכבוד'ן גאסט.

די גוט־באוואוסטע דיכטערין רחל קארן, וועט אויף איר רייזע קיין קאנא־דע, וואו זי באזעצט זיך, וועט א קורצע צייט ווייל̈ן ביי אונז אין לאנדאן, וואו מיר גרייטן צו פאר איר אן אויפ־נאמע.

* *

דער דיכטער בן־א סאבאטשעווסקי מיט זיין פרוי זיינען צוריקגעקומען פון זייער רייזע קיין פאריז.

פריינט פון יידיש לשון האט גע־פייערט דאס פראקלאמירן פון יידישן שטאט „ישראל“.

* *

די אקטיארן יצחק קרעלמאן, דארא קרעלמאן, הארי אריעל האבן אויפגע־טרעטן אויף א ווארט־קאנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון“ מיט א סצענע „בנימין השלישי פארט נאך ארץ ישראל“ פון מענדעלען, וואו זיי האבן געוואלטיק אויסגענומען ביים עולם.

* *

אונזער אברהם רייזין־פייערונג ביים „בן־אורי“ איז א דורך מיט גרויס דער־פאלג.

* *

אין גרענד־פאליי־טעאטער ווערט גע־שפילט „טוביה דער מילכיקער“ פון שלום עליכם מיט גרויס דערפאלג—די קרעאציע פון מאיר צעלניקער איז א זער געלונגענע.

* *

די באליבטע אקטריסע חנה צעלני־קער האט געבוירן בשלום א טעכטערל. מיר האפן זי בקרוב ווידער צוזען אויף דער בינע.

ביים „ניי־יידישן טעאטער“, אלעק־סאנדער־טעאטער, אונטער דער לייטונג פון מארק מארקאוו, איז געגרינדעט געווארן א דראמאטישער קורס, וואו עס באטייליקן זיך א צוויי צענדליק יוגנטלעכע. אין איניקע וואכן וועלן זיי זיך באווייזן מיט סצענעס פון פרץ, שלום עליכם, אש נאדיר א.א.

* *

דאס „ניי־יידישע טעאטער“, אלעק־סאנדער־טעאטער איז אפגעקויפט גע־ווארן פון די דירעקטארן נייטן ביטלער און וואלף קאסאוו.

* *

די באקאנטע אמעריקאנער אקטיארן הענריטע דזשיקאבסאן און דזשוליוס אדלעם טרעטן אויף מיט גרויס דער־פאלג אין פריימאנס אמעריקאנישע אפערעטע „די מלחמה כלה“ אין אלעק־סאנדער־טעאטער.

* *

די גרופע אנארכיסטן אין לאנדאן האבן פארגאנגענעם חודש, ביי פייער־לעך געדעקטע טישן אפגעהאלטן א יובל פייערונג לכבוד רודאלף ראקערס 75טן יובילעאום.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1 — 3 א זייגער

שבת, דעם 5טן יוני וועט אליהו פאלושאק האלטן א פארטראג: די יידישע פאליטיק אין דער וועלט סיטואציע.

שבת, דעם 12־טן — די טראדיציאנעלע שבועות־פייערונג. פארלעזונגען פון אונזערע קלאסיקער. שלמה אויערבאך וועט ליידן איבער מגילת רות.

שבת, דעם 19־טן וועט די באוואוסטע דיכטערין רחל קארן אויפגענומען מיט א פריילעכן ברוך הבא און זי וועט לייענען פון אירע ווערק.

שבת, דעם 26־טן וועט דער באקאנטער ארבעטער טוער סעם דריז, וועלכער האט זיך אומגעקערט פון א באזוך פון אמעריקע, האלטן א פארטראג: „א גאסט אויף א ווייל“.



## צו אונזערע לייענער און אבאנענטן

מיר האפן, אז אונזערע לייענער און אבאנענטן וועלן פארשטיין די פאר־טייערונג פון אונזער זשורנאל אויף נאך — 6 פענים.

עס איז אונז זער שווער געווען דער אנטשלוס צו העכערן דעם פרייז. אבער עס איז אונז ליבער — און מיר גלויבן אז אונזערע בכבודיקע לייענער און אבאנענטן וועט אויך זיין ליבער — צו צאלן מיט 6 פענים מער, איידער צו האבן א פארקלענערונג פון דעם זשורנאל מיט 16 זייטן.

איצט, ווען יעדע פרוטה פונם יידישן כלל מוז גיין פאר וויכטיקערע נאציאנאלע הצטרכות'ן, קענען מיר נישט קלאפן מיט דער קהל־פושקע פאר אונזער זשורנאל, און מיר מוזן זיך משתדל זיין אים אויפצוהאלטן מיט אייגענע כוחות, — מיר די רעדאקציע, דער קאמיטעט און די לייענער און אבאנענטן אינאיינעם!

די וויכטיקייט פון אונזער זשורנאל פאר דעם יידישן ישוב אין ענגלאנד, אויך אין אנדערע תפוצות ישראל, האבן באוויזן די באגריסונגען צום הונ־דערטסטן נומער. שוין זיין עקזיסטענץ 9 יאר אין די שווערסטע באדינגונגען, באווייזט אז ער איז געווארן א גרויסער גייסטיקער פאקטאר אין יידישן לעבן.

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אבאנענטן, אז אונזער זשורנאל זאל ווערן נאך בעסער, רייכער אין אינהאלט.

די חשובע חברים, לייענער און אבאנענטן דארפן זיך באמיען צו פאר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“.

די אדמיניסטראציע

## גרויסער ווארט קאנצערט

בעסטע קינסטלער סצענעס רעציטאציעס

פון די יידישע קלאסיקער

?? עס גרייט זיך ?? ?? עס גרייט זיך ??

פאר די לעזער פון

„לשון און לעבן“ :—: „לשון און לעבן“

## תיקון טעות

אין דעם ארטיקל „נאציאנאלע יוגנט“ פון א. מ. פוקס אין מאי נומער „לשון און לעבן“ האט זיך ארייגעכאפט א פארדריסלעכער טעות, וועלכן מיר ווילן דא פאריכטן. אויפן ארט פון די ווערטער: „דער עלטערער דור וואס איז געווען פארקנעכטעט אין חיהשער עקזיסטענץ“ דארף זיין: „דער עלטערער דור וואס איז געווען פארקנעכטעט אין חיישעה עקזיסטענץ“

101

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


נייעטער יארגאנג נו.7 העפט 102 יולי 1948 לאנדאן


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:


1 ** ........................ די יידישע קולטור צוזאמענפאָרן
4 א יידישער אָפיציר ...... א בריוו פון פראָנט (הרי נפתלי, הרי כנען)
7 א. נ. שטענצל .......... ירושלים הבנויה (לידער)
העלדישע יידן פון די קאווקאזער בערג דעראָבערן וואסער
11 פאר די דורשטיקע יידן אין ירושלים .. פיער וואן געלדערן
14 גאטס באגלייטער פון דער אלט-שטאָט ירושלים (ליד) .. משה עובר
15 „אלט-נייל-אנד“ (44 יארצייט פון ד"ר הערצל) .... יוסף פרענקל
19 דאָס פיאָנערן ליד (דעקלאמאציע) ............... ס. פאלמע
21 וועלט פון בלוט איז שכור (ליד) .......... יצחק ווינער
22 „נעבעך געמסר'ט“ (אן אמתע מעשה) .... יחזקאל נח ערליכמאן
30 ראָז בלו און וואס (ליד) ................ יוסף הערמאן
31 אלדד און מדד זאגן נביאות אין לאגער (המשך) .... לעאָ קעניג
34 עלטע פרויען קויפן בלומען (ליד) ................ רחל ה. קארן
34 רחל קארן, יאנקל אדלער .............................. ש
37 דער וועג פון א יידישן קינסטלער (עסיי) ........ ס. טייף
41 פון מיין ביכער טיש ........... ד"ר יעקב י. מייטליס
44 ניי יידישע ליטעראטור, מרדכי שטריגלער (רעצענזיע) .. א. מ. פוקס
49 דאָס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע (עסיי) .. אדאָלף רודניצקי
55 רעבעט און קרעדיט (פעליעטאן) ......... אליהו פאלושאָק
58 די לאָנדאָנער דעלעגאטן צום קולטור קאָנפערענץ אין פאריז ........
59 ארום דעם קולטור קאָנגרעס ................ מאיר בראון
63 אייראפעאישע קולטור קאָנפערענץ ....................
64 מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס ......


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענט-פרייז: —19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער


אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן“, נאראָד-פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.



„די צייט“
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

פראפאגאנדע-קאמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אלדגיט, א.1.
יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע

**רעפעראטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטערארישע און אלגעמיינע ענינים

וועגן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראל-סעקרעטאר:

**ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג**

די סוף-חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן-אורי“
זונטיק 27 יוני 1948 8 אוונט
אין לאקאל פון

**„בן-אורי“ קונסט גאלעריע**

14 פארטמען סטריט וו.1.

**וויסענבערג און נאמבערג**

עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא-
ציעס און דעקלאמאציעס:
שוישפילער יידל גאלדבערג, אייזיק
גאלדבערג, נעט רובין, משה עובר און
ש. אויערבאך, י. א. ליסקי, י. ביעטש
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*